STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06077

SEYFER HATSADIK VEDEREKH HATOYV

Hyman Khayim Barras

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

הצדיק ודרך הטוב

דער צדיק און דער גוטער וועג

פון

חיים יוסף בּאַראַז

געוועזן רב אין פראַנקרייך, פּלימוטה — מאַס. אגדען — יוטאה, און
אין סויטה אזאן פּאַרק — ניו יאָרק. יעצט רבי פון חברה
משניות קינגסברידזש הייטס דזשואיש סענטער, בּראָנקס,
ניו יאָרק.

מוצש"ק לסדר „וצוך אלהים ויכלת", כ"ד שבט תרצ"ט לפ"ק.

Copyright, 1940, by,
HYMAN J. BARRAS
2809 Claflin Avenue,
Bronx, N. Y.

דער מחבר וועט מיט פאַרגעניגען ערלויבען צו יעדען אַנשטאַלט וואָס גיט זיך אָפּ מיט יתומים, צו דרוקען דעם ספר. ער וועט אויך זיין צופרידען מיטהעלפען מיט וואָס נאָר מעגליך דאָס צו ערדייכען.

Printed in U. S. A.

בית היתומות הכללי ירושלים תובב"א

ב"ה, ט' אדר, כ"ד למסב"י, תרנ"ן, לפ"ק.

לכבוד ידידנו היקר הרב הנכבד ירו"ש הר' חיים יוסף **בארז שליט"א.**

טייערער פריינד!

אין נאמען פון די הונדערטע עלענדע יתומות פון אונזער הייליגען אנשטאלט **בית היתומות הכללי** אין ירושלים ת"ו, גיבען מיר אייך איבער א הערצליכען דאנק פאר אייער אפ-פערוויליגקייט אוועקצוגעבען די גאנצע הכנסה וואס ס'וועט אריינקומען פון אייער זעהר חשוב'ען און טייערען ספר **"הצדיק ודרך הטוב"** צו אונזער אנשטאלט, דער אבי היתומים זאל אייך באלוינען פאר אייער נאבעלען טהאט.

מיר בעטען פון אלע אידען וועלכע תורה און צדקה איז ביי זיי חשוב און טייער, אז זיי זאלען קויפען דיעזען טייערען ספר הצדיק ודרך הטוב, ווייל אויסער וואס איהר וועט זיך פארשאפען א העכסט גייסטיגען פארגעניגען פון די וואונ-דערבארע מאמרים און ספורים, וועט איהר העלפען די אויפ-האלטונג פון א הייליגען און נאבעלען אינסטיטושאן פאר עלענ-דע יתומות אין אונזער לאנד. דער זכות התורה וועט אויף אייך מגין זיין באלף המגן.

יהי רצון מיר זאלען אלע זוכה זיין צו דער גאולה אמיתית און זעהן בבנין בית מקדשנו שיבנה בבי"א.

הרב ישראל זאב מינצבערג

דוד ווייגגארטען

גבאים פון אנשטאלט אין ירושלים.

מקום החותם.

מיר די גבאים פון דעם ניו יארקער אפיס פון דעם בית היתומות הכללי, באשטעטיגען אז דער ווירדיגער מחבר הרב בארז, גיט אוועק די גאנצע הכנסה פון זיין ספר פאר אונזער אנשטאלט.

צבי הירש מאנישעוויטץ, פרעזידענט.

הרב יוסף מארגליות, טרעז.

יוסף גאלדהאבער, סעקרעטאר.



נר ה׳ נשמת אדם

על אלה אני בוכיה עיני ירדה מים
ציון לנפש טהורה ונשגבה

ספרי זה מוקדש לזכרון נשמת „אשה יראת ה׳ היא תתהלל״ מורתי היקרה והנכבדה הצדקת מרת **פייגע פעשע** זללה״ה בת ר׳ **דוד אליהו** ז״ל גדלה וחנכה אותי על ברכי התורה והיראה באהבה וברחמים. מיום שנשארתי קטן ויתום.

נפטרה עשרה בטבת תרפ״ג.

מנוחתה כבוד בבית החיים של כולל וואלין בירושלים תובב״א. ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

ספר

הצדיק ודרך הטוב

דער צדיק און דער גוטער וועג

חלק ראשון. ערשטער טהייל

דעם חבור האָב איך ניט מחבר געווען צו לערנען מענשען דאָס וואָס זיי ווייסען ניט, נאָר זיי דערמאָנען דאָס וואָס זיי ווייסען שוין פון לאַנג.

„פון ר' משה חיים לוצאַטו ז"ל. אין זיין הקדמה צו זיין ספר מסלת ישרים".

וועלען זיי לערנען און ווילען פאַרשטעהן, איז גוט, אויב ניט, וואָס קענען זיי אויסזעצען געגען דעם. עס איז דאָך אויך דאָ שעהנע געשיכטעס אין דעם ספר.

„פון ר' נחמן בראַסלעווער ז"ל".

גיב דעם חכם, און ער וועט נאָך קליגער ווערען (משלי ט' ט').

●

וועסטו לייענען דעם ספר, וועסטו פאַרגעניגען האָבען.
וועסטו לערנען דעם ספר, וועסטו אויך נוצען האָבען.
(מחבר).

דער ספר ברענגט אַלע ערטער פון תורה, נביאים, כתובים, תלמוד, מדרשים, ילקוטים, וואו נאָר עס איז דערמאָנט דאָס וואָרט „צדיק” אָדער „צדיקים”, זייערע טהאַטען, געדאַנקען און לעהרע. וואונדערבאַרע שעהנע מאמרים און ערצעהלונגען, אויך פראַכטפולע שעהנע פאָלקס מעשיות.

אין דעם צווייטען טייל פון דעם ספר ווערט געבראַכט געדאַנקען און אָנווייזונגען וואָס דער גוטער וועג איז פאַר דעם מענשען, ער זאָל אין איהם געהן און געפינען רוה צו זיין נשמה און קערפער.

איך האָף אַז מענשען וועלען הנאה האָבען פון דעם ספר. „והיה זה שכרי”, דאָס וועט זיין מיין באַצאָהלט. ווייל איך האָב באַשלאָסען, אַז איך זאָל קיינע מאַטעריעלע נוצען ניט ציהען פון דעם ספר. דער גאַנצער איינקונפט וועט גיין פאַר יתומים. דאָס זאָל זיין אַ זכות פאַר מיין ליעבע ערציהונגס-מוטער, וואָס האָט ערצויגען אַ יתום.

צו די „חכמים בעיניהם”, וואָס האַלטען זיך קלוג אין זייערע אייגענע אויגען (ישעיה ה׳ כ״א) וואָס וועלען זאָגען, וואָס האָסטו אויפגעטאָן? מיר קענען בעסערס אויפטאָן. מיין ענטפער צו זיי איז: אדרבה, ואדרבה. „מי יתן והיה כל עם ה׳ נביאים” (במדבר י״ט כ״ט) זאָלען זיי טאַקע דאָס טאָן „וה׳ יצליח בידם”. דער אַלמעכטיגער וועט זיי באַגליקען.

איך בעט ביי השי״ת ער זאָל מיר העלפען צו זוכה זיין ללמוד, וללמד, לשמור, ולעשות, ולראות צאצאי, וצאצאי עם ישראל, כולם יודעים את התורה ועוסקים במצות.

הקטן יהיה לאלף והצעיר לגוי עצום וקראו להם עם הקדש גאולי ה׳, ב״ב״א.

אינהאַלט — ערשטער טהייל

זייט

איינלייטונג — — — — — 9

א

נח — צדיק — תורה — — 10
נח — צדיק — תלמוד — 11
צדיק — וואָס גרויסט זיך — 12
מעשה — בעל שם —
ישוב'ניק — — — — — 12

ב

צדיק — רשע— סדום —
עמורה — — — — — 13
ערב־שבת — שבת — — 15
יוסי בן קסמא — מאַן —
תורה — געלד — — 15
פרייטד ביים לעבען — — 16
ערצעהלונג — מאַן — שיף
— קעניג — — — — 17

ג

אבימלך — אומבריינגען — 19
קויפלייטע — רב —האַן — 19

ד

גאָט — פרעה — — — 21
זוהן — פאָטער — — — 22
שבת נאַכט — מלאכים — 23
חסיד — אליהו — רייך —
אָרים — — — — — 24
ברויט — וואַסער — — 25

ה

אומשולדיג — — — — 25
גאָט — ווינט — דריי
מענשען — — — — 26
גאָט האָט פיינט — — — 26
רב פפא — טוביה — זיגוד 26
שלעכטס — שלאַנג — — 27
ערצעהלונג — פערסיאַנער
— קעניג — — — — 27
שוויגען איז שעהן — — 29

זייט

אליעזר ב"ר שמעון — און
מיאוס'ער מענש — — 30
תורה — דריי געטראַנקען 31
זיך האַלטען קליין — — 32

ו

כאַבאַר — — — — — 32
פילאָזאָף — ריכטער, רבן
גמליאל — — — — — 33
פריינד — פיינד — — — 34

ז

צדיק — גערעכט — — 35
קעניג — חזקיהו — ישעיהו
הנביא — — — — — 35
הלל — שרעק — — — 36
ר' חנינא בן דוסא — זאַלץ
— רעגען — — — — 36
ר' חנינא בן דוסא — שלאַנג 36
נקדימון בן גוריון — רעגען 37
חוני המעגל — רעגען — 38
אבא חלקיה — רעגען — 40

ח

גאָט — גערעכט — — 43
מענש — גוטס שלעכטס — 44
נחום גם זו — מתנה — 44
ר' עקיבא — אייזעל —
האַן — ליכט — — — 45
רבא — מאַן פרוי — — 46

ט

דוד — שאול — — — 46
דוד — גלית — — — 48
רייך — שטאַרק — קלוג 51
שמואל הנגיד — קעניג
— פיינד — — — — 52
מר עוקבא — רבי אליעזר —
פיינד — — — — — 52
אידישער דאָקטאָר — בישוף
— קעניג — — — — 53

י

דוד — רכב — בענה —
איש־בשת — — — — — 58
מוטער — צוויי ברידער — 58
רבא — מאַן טויטען — — 59
נחמיה — איש —שיחין — 60
חסיד — רבי — געוויסען 60
טויט —לעבען — צונג —
לשון הרע — — — — 63
רב חלבו קראַנק — — 63
פנים — גוטסקייט — — 64

יא

הערשער — צדיק — — — 65

אבימלך בן גדעון — יותם
— בוימער — — — — 65
שלאַנק — עק — פיהרער 67

יב

שלמה המלך — גערעכט 68
ר׳ בנימין — פרוי זיבען
קינדער — — — — — 68
חנה — נתן דצוציתא —
ר׳ עקיבא — — — — 69
שמואל — אבלט — מאַן
שלאַנג — — — — — 72
ר׳ עקיבא — טאָכטער —
חופה — — — — — — 73
ר׳ עקיבא — מאַן — ים — 73

אינהאַלט — צווייטער טהייל

א

גוטער וועג — פאַרזיכערונג 79

ב

פוילער — גאָט בענשען — 80

ג

שרעק — — — — — — 81
וואלד — צוויי מענשען —
לעמפערט — — — — — 81

ד

קראַנק — טהאָן — — — 82

ה

שלעכטע — מענשען —
קינדער — — — — — 82

ו

גייציג נאָך געלד — — — 83
צוויי חסידים — קאַרגער — 84

ז

מענש — מיוחס — — — — 90

חורבן — המקדש — — 90
ר׳ יוחנן בן זכאי — טאָכטער
פון נקדימון — — — — 91
מאַן — שיף — וואַרע — 94

ח

מרדכי — אסתר — — 96
תלמיד חכם — אָרענטליך 97

ט

אַ דרשה פון מחבר — — 98

י

פאַררעדע — תנ״ך — — 105

יא

אייניגע ווערטער צו שוהל
— געהערס — — — — 106

יב

אַ הדרן אויף מסכת סנהדרין 112

אַ שלוס וואָרט פון מחבר — 121

הקדמה

ראשית חכמה יראת ה׳
חליתי פניך בכל לב, חנני כאמרתיך
יהי לבי תמים בחקיך, למען לא אבוש
בחקתיך אשתעשע לא אשכח דבריך.

●

איינלייטונג

כל ימי הייתי מצטער

איך האָב זיך אַלע מאָל געזאָרגט, מיט וואָס צו פאַרשאַפען אַביסעל פאַרגעניגען, און ווייזען מיין הערצליכע דאנקבאַרקייט צו די ווירדיגע הערליכע אמת׳ע כשר׳ע צדקנית, וואָס איז געווען פרום, קלוג און גוט. וואָס האָט מיר ערצויגען פון קינדהייט אָן, ווען איך בין געבליבען אַ יתום פון פאָטער און מוטער, מיט ליעבע, גוטסקייט און ערליכקייט; זי האָט געשטרעבט, מיט איהר כשר הארץ, מיר צו מאַכען פאַר אַ מענש, וואָס זאָל זיין גוט צו גאָט און לייט. איבערהויפט האָט זי געהאָפט צו זעהן אין מיר אַ „תלמוד חכם", אַ געלערענטער מאַן. איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסען, ווען אין אַ טאָג פון די שרעקליכע וועלט מלחמה, ירושלים איז געווען אָפּגעשלאָסען פון ביידע זייטען, איין זייט פון טערקיי, און פון די צווייטע זייט פון ענגלאַנד. מענשען זיינען געפאַלען אין די גאַסען פון הונגער. מיין ליעבע ערציהונג־מוטער האָט שוין כמעט פאַרקויפט אַלס פון הויז, זיך צו דערהאַלטען די נשמה. אין דעם טאָג האָב איך פאַרלאָזט די ישיבה און געגאַנגען

פאַרדינען געלד (אָהן איהר וויסען). ווען איך בין אַהיים גע־קומען מיט געלד, און איהר דאָס דערלאַנגט, מיינענדיג, אַז זי וועט זיין צופריעדען; איך האָב גוט געוואוסט, אַז זי האָט קיין פּרוטה ניט געהאַט דאַן.

זי האָט מיר געפרעגט: מיין קינד, וואו האָסטו גענומען די געלד? איך האָב איהר דערצעהלט, אַז איך האָב פאַרלאָזט די ישיבה און די גמרא און געגאַנגען פאַרדינען געלד. איהרע כשר'ע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גיסען טרערען, און זי האָט געזאָגט צו מיר: „מיין קינד, אַזוי לאַנג ווי איך האָב נאָך דאָס טיכעל אויף מיין קאָפּ, און איך וועל דאָס קענען פאַרקויפען, וויל איך אַז דו זאָלסט זיצען און לערנען תורה".

אויף דעם וויין איך, און מיינע אויגען גיסען מיט טרע־רען וואָס זי האָט ניט זוכה געווען צו זעהן אין מיר נחת. עשרה בטבת תרפ"ג האָט השי"ת צוגענומען איהר כשר'ע נשמה אין הימעל. איך בין שוין געווען דאַן אין פראַנקרייך, און אפילו ניט געקענט זיין ביי איהר לויה.

יעצט האָב איך באַשלאָסען אַז דער ספר וואָס איך רוף „דער צדיק און דער גוטער וועג" זאָל זיין אַן אייביגער, היי־ליגער אָנדענק פון איהר הערליכע נשמה.

פייגע פעשע בת ר' דוד אליהו זללה"ה.

ת'נ'צ'ב'ה

א

תורה

„נח איש צדיק״.

דאָס ערשטע מאָל ווי מיר געפינען „צדיק״ אין די תורה, — איז ביי נח׳ן (בראשית ו׳ פ״ט).

„צדיק מיינט אַ גערעכטער מענש״ (אונקלוס).

„צדיק״ איז דער וואָס האָט גוטע אויפפיהרונג פון מענש צו מענש (מלבום ז״ל).

„זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידנו״.

נח איז באַשאַפען געוואָרען מיט אייגענשאַפטען וואָס האָט איהם מעגליך געמאַכט צו קענען העלפען זיינע מיט מענשען, ווי עס ווערט דערצעהלט אין די תורה: „און ער האָט גערופען זיין נאָמען נח, זאָגענדיג, דער וועט אונז טרייסטען פון אונזערע ארבייט און פון די שווערע אַרבייט פון אונזערע הענד״.

נח ווייזט אוים האָט אויסגענוצט זיינע אייגענשאַפטען און געהאָלפען זיינע מיט מענשען. דערפאַר „האָט נח געפונען ליבשאַפט אין די אויגען פון גאָ—ט״ (בראשית ו׳ פ״ח) און ווען (דער „מבול״) די פאַרפלייצונג האָט פאַרפלייצט די וועלט, איז נח געווען באַשיצט אין דעם קאַסטען, — וואָס דער אַל-מעכטיגער האָט איהם געהייסען מאַכען. ניט נאָר האָט ער זיך אַליין געראַטעוועט, נאָר אויך זיין פרוי, די קינדער מיט זייערע פרויען, קינד׳ס-קינדער, חיות, פויגלען, בהמות. זיי אַלע זיינען דורך זיין גוטסקייט געראַטעוועט געוואָרען פון אונ-טערגאַנג.

„כי אותך ראיתי צדיק" (בראשית ז' פ"א).

גאָט האָט געזאָגט צו נח'ן: „קום אַריין דו און דיין גאַנ־צעס הויז געזינד אין דעם קאסטען, ווייל נאָר אין דיר האָב איך געזעהן אַ צדיק אין דעם דור".

תלמוד

ר' יוחנן זאָגט: נח איז געווען אַ צדיק, נאָר אין פאַר־גלייך מיט די מענשען פון זיין דור, אָבער אין אַנדערע דורות וואָלט מען איהם ניט געקענט רופען צדיק.

ריש לקיש זאָגט: ווען נח האָט געקענט זיין אַ צדיק אין זיין דור, האָט ער אויך אין אַנדערע דורות געקענט זיין נאָך אַ גרעסערער צדיק.

ר' חנינא: גיט אַ ביישפּיעל אויף ר' יוחנן'ס מיינונג, וואָס קען זיך פאַרגלייכען מיט אַ פאַס וויין ווען עס שטעהט צווישען אַ סך פעסער מיט עסיג פיהלט זיך דער גוטער גע־שמאַקער ריח פון וויין. נעמט מען צו די עסיג און דער וויין געפינט זיך אַליין, פיהלט זיך שוין ניט אַזוי גוט דער ריח פון די וויין.

רב אושעיה: גיט אַ ביישפּיעל אויף ריש לקיש מיינונג, וואָס קען זיך פאַרגלייכען מיט שמעקענדיגען בוימאויל, ווען דאָס פלעשעלע שטעהט אין אַן אומריינעם פּלאַץ און דאָך גיט דאָס אַרוים פון זיך אַ טייערען ריח, איבערהויפּט ווען דאָס שטעהט אין אַ ריינעם פּלאַץ, גיט דאָס אַרוים נאָך אַ גע־שמאַקערען ריח (סנהדרין ק"ח).

פאַראַנען מענשען, וואָס זיינען גאַנצע חכמים און גרויסע מאַכערס, דאָס איז נאָר, ווייל זיי געפינען זיך צווישען קליינע מענשעלאַך. וואָלטען זיי זיך געפונען און צוזאַמענגעקומען מיט וויכטיגע קלוגע מענשען, וואָלטען זיי געזעהן און געפיהלט ווי קליין זיי זיינען (מחבר).

תלמוד

זאָגט רב יהודה, רב זאָגט: „דער וואָס גרויסט זיך מיט דעם מאַנטעל פון אַ תלמוד־חכם און ער איז ניט קיין תלמוד־חכם, וועט מען איהם ניט אריינגעמען אין די געטליכע אָפּ־טיילונג" (ב"ב צ"ח).

„אַ מטבע אין אַ ליידיגער פּושקע קלאַפּט און שרייט" (ב"מ פּ"ה).

„זיי בעסער קליין צווישען גרויסע, איידער צו זיין גרויס צווישען קליינע" (אבות פּ"ד כ').

אַ מענש דאַרף זיך לערנען פון אַ באַן, טעלעגראַף און טעלעפאָן: פון אַ באַן — ניט צו פאַרשפּעטיגען אפילו אַ מינוט, ווייל אויב מען פאַרשפּעטיגט אַ מינוט, פאַרלירט מען דעם באַן. פון טעלעגראַף — מען זאָל אַן איבעריג וואָרט ניט רעדען, ווייל פאַר יעדען וואָרט מוז מען באַצאָהלען. פון טעלעפאָן — אַלס וואָס מען רעדט דאָ, הערט מען דאָרטען (פון סאַדיגערער רבי'ן זצ"ל).

דער בעל שם טוב (ר' ישראל בעל שם טוב זצ"ל) האָט איין מאָל אַ ראש השנה ניט געלאָזען בלאָזען שופר פאַר אַ שטיק צייט. דער עולם, וואָס איז דעמאָלט געווען אין שוהל, האָט זעהר געוויינט, ווייל דאָס ניט לאָזען בלאָזען שופר פון בעש"ט האָט זיי געוויזען אַז אויפ'ן הימעל איז מען אויף זיי ברוגז (מקטרג) און מען רעדט אויף זיי שלעכטס, און ווער ווייסט וואָס זיי ערוואַרטעט דעם קומענדיגען יאָהר. צווישען עולם אין שוהל האָט זיך געפונען אַ „ישובניק", אַ אידישער פויער מיט זיין זוהן. דער זוהן, זעהענדיג אַז דער עולם וויינט זעהר, פרעגט ער זיין פאָטער: פאַרוואָס וויינט אַזוי דער עולם? ענטפערט דער פאָטער: דער עולם וויינט, ווייל מען קען ניט פייפען. אַזוי ווי דער זוהן פון אידישען פויער האָט געהאַט מיט זיך אַ פייפעל פון דאָרף, און ער האָט געהערט

אַז דער עולם וויינט, ווייל מען קען ניט פייפען, האָט איהם זיין הארץ זעהר וועה געטאָן אויף דעם עולם. האָט ער ארויס־געכאַפּט זיין פייפעל און האָט געטאָן אַ פייף אַזאַ וואָס האָט אויפגעציטערט דעם עולם און זיי האָבען איהם געוואָלט צו־רייסען. סטייטש! אום ראש השנה אין שוהל, און נאָך ווי דער בעש"ט געפינט זיך פאַר „תקיעת שופר" זאָל זיך דערוועגען אַ איד צו פייפען. נאָר דאָ האָט זיך דער בעש"ט אויסגעדרייט צום עולם און האָט אַ געשריי געטאָן, וואו איז דער „צדיק" וואָס האָט מיט זיין בלאָזען אויפגעעפענט די זיבען הימלען און געראַטעוועט דעם כלל ישראל (חסידישע מעשה).

תלמוד

„גאָט וויל דאָס האַרץ" (סנהדרין ק"ו).

עס איז ניט וואָס מען טוט, און ניט ווי אַזוי מען טוט, נאָר וואָס מען מיינט מיט דעם (מחבר).

ב

תורה

האף תספה צדיק עם רשע (בראשית י"ח כ"ג).

און גאָט האָט געזאָגט: „דאָס געשריי פון סדום און עמורה איז גרויס, און זייער זינד איז שווער".

און אברהם פרעגט: „ווּעסטו אויך פאַרניכטען דעם צדיק מיט דעם רשע? פיליכט זיינען דאָ פופציג צדיקים אין דער שטאָדט: ווּעסטו אומברענגען און וועסט ניט פאַרגעבען צו דעם אָרט פון וועגען די פופציג צדיקים וואָס זיינען אין איהר?"

און גאָט ענטפערט: „אויב איך וועל געפינען פופציג צדיקים אין סדום, וועל איך פאַרגעבען פון זייערטוועגען דעם גאַנצען אָרט".

און אברהם ענטפערט און זאָגט: „פיליכט וועלען פעלען פינף צדיקים פון די פופציג, וועסטו פארניכטען די גאנצע שטאָדט וועגען פינף?"

און גאָט ענטפערט: „איך וועל ניט פארדארבען סדום, ווען אין איהר געפינט זיך פינף און פערציג צדיקים".

און אברהם זאָגט נאָך אמאָל: „פיליכט געפינט זיך פערציג צדיקים?"

און גאָט זאָגט: „איך וועל זיי ראַטעווען צוליב די פערציג".

און אברהם זאָגט: פיליכט געפינט זיך דרייסיג צדיקים?"

און גאָט זאָגט: איך וועל זיי ראַטעווען צוליב די דרייסיג צדיקים".

און אברהם זאָגט: פיליכט געפינט זיך צוואנציג צדיקים?"

און גאָט זאָגט: „איך וועל זיי ראַטעווען צוליב צוואנציג צדיקים".

און אברהם זאָגט: „פיליכט געפינט זיך צעהן צדיקים?"

און גאָט זאָגט: „איך וועל זיי ראַטעווען צוליב די צעהן צדיקים" (בראשית י"ח).

פארלאָז זיך ניט, אז יענער וועט זיין א צדיק, און דו וועסט דורך איהם געראַטעוועט ווערען (מחבר).

אין א שטעדטעל האָבען זיך צוזאמענגענומען צוואנציג אָרימעלייט און זיך בּאַראַטען וואָס צו טאָן אויף שמחת-תורה. וואו וועט מען נעמען שנאַפּס? און עס איז באַשלאָסען גע- וואָרען: מען זאָל קויפען א פעסעל און איינער זאָל ארומ- געהן מיט דעם פעסעל צו די שטאָדט בעלי-בתים אלע ערב שבת און יעדער בעל-הבית זאָל אריינגיסען אביסעל שנאַפּס, אזוי וועט זיך אָנקלייבען א גאנץ פעסעל שנאַפּס פאר שמחת- תורה. „געזאָגט און געטאָן". מען האָט געקויפט א פעסעל

און איינער האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. אַלע ערב שבת איז ער געגאַנגען מיט דעם פעסעל צו יעדן שטאָדט בעל-הבית, און יעדער פון זיי האָט אַריינגעגאָסען... וואַסער, דענקענדיג, אַז איין גלעזעל וואַסער וועט זיך ניט אָנזעהן אין אַ גאַנץ פעסעל שנאַפּס.

ווען שמחת-תורה איז געקומען און מען האָט מיט גרויס פּאַראַד געעפענט דאָס פעסעל, האָט מען געפונען אַ פולע פעסעל מיט וואַסער.

תלמוד

„דאָס וואָס דו גרייטסט זיך אָן ערב שבת, דאָס וועסטו עסען שבת" (ע"ז ג').

ר' ירמיה האָט געשיקט צו ר' זעירא אַ קאָרב פייגען, פון וועלכען מען האָט ניט געגעבען קיין מעשר (אַ צעהנטעל פון פרוכט וואָס מען האָט אָפּגענומען פון פעלד אין ארץ ישראל האָט מען געדאַרפט געבען די לוים, דאָס האָט געהייסען מעשר). ר' ירמיה האָט געדענקט, ר' זעירא וועט זיכער געבען מעשר איידער ער וועט עסען די פייגען. ר' זעירא האָט זיך פאַרלאָזט אַז ר' ירמיה האָט שוין געגעבען מעשר, ווייל ער האָט געדענקט אַז ער וועט דאָך ניט שיקען פרוכט ניט גע-מעשר'ט, און די פייגען זיינען געגעסען געוואָרען ניט גע-מעשר'ט. און דאָס איז אַרויסגעקומען פון זיך פאַרלאָזען אויף אַנדערע. (תלמוד ירושלמי דמאי פ"א ה"ג).

תלמוד

האָט רבי יוסי בן קסמא געזאָגט: „איין מאָל בין איך געגאַנגען אין וועג, האָט מיר באַגעגענט אַ מאַן און האָט זיך באַגריסט מיט מיר, ער האָט מיר געפרעגט: „רבי, פון וואָס פאַר אַן אָרט ביסטו?" איך האָב איהם געזאָגט: „איך קום פון אַ גרויסע שטאָדט פון חכמים און תורה-שרייבער". האָט

דער מאַן געזאָגט צו מיר: „רבי, ווילסטו וואוינען מיט אונז אין אונזער אָרט, און איך וועל דיר געבען טויזענד מאָל טויזענד גאָלדענע דינרים, און אויך דימענטען און פערעל".

האָב איך איהם געזאָגט: „ווען דו גיסט מיר די גאַנצע זילבער און גאָלד, דימענטען און פערעל פון גאָר דער וועלט, וועל איך ניט וואוינען נאָר אין דעם אָרט פון תורה".

און אַזוי שרייבט דוד המלך אין תהילים: „עס איז בעסער די תורה פון דיין מויל, פון טויזענד גאָלד און זילבער". און ניט נאָר דאָס, נאָר ווען דער מענש גייט אַוועק פון די וועלט, באַגלייטען איהם ניט קיין זילבער, גאָלד אָדער דימענטען און פערעל, נאָר תורה און גוטע טהאַטען (פרקי אבות פ' ששי).

תלמוד

און דו זאָלסט זיך וואַרעמען געגען דעם פייער פון די חכמים (פרקי אבות פ"ש ט"ו).

„הדבק לשחוור וישתחו לך", באַהעפט זיך צו דעם האַר, וועט מען זיך בוקען צו דיר (ספרי דברים פ"ו).

זיי און פאַרקער צווישען אָרענטליכע מענשען, וועט מען דיר האַלטען פאַר אַן אָרענטליכען (מחבר).

אַ מענש האָט דריי פריינד ביי זיין לעבען, און דאָס זיינען זיי:

1. זיינע קינדער.
2. זיין געלד.
3. זיינע גוטע טהאַטען וואָס ער האָט אויפגעטאָן אויף די וועלט.

ווען דער מענש אַלט ביים שטאַרבען, רופט ער זיינע קינדער און בעט זיך ביי זיי: „ראַטעוועט מיר פון דעם טויט". און די קינדער ענטפערען איהם: „האָסטו ניט געהערט אַז קיינער איז ניט קיין הערשער אויף דעם טויט, מיר קענען גאָר

ניט טאָן פאַר דיר. געה אין שלום און ליג רוהיג אויף דיין געלעגער".

ווען דער מענש זעהט, אַז זיינע קינדער טוען גאָר ניט פאַר איהם, רופט ער זיין געלד און זאָגט: „זעהר אַ סך האָב איך געאַרבייט אויף דיר, ביי טאָג און ביי נאַכט בין איך געווען פאַרנומען מיט דיר, לייז מיר אוים פון דעם ביטערען טויט".

די געלד ענטפערט איהם:

„האָסטו ניט געהערט: „רייכטום ברענגט קיינע נוצען אין אַן אומגליקס טאָג" (משלי י"א ד') איך קען גאָר ניט טאָן פאַר דיר".

דאַן רופט דער מענש זיינע גוטע טהאַטען און זאָגט צו זיי: „ראַטעוועט מיך!" און זיי זאָגען צו אים: „דו געה אין פריע־דען, ביז דו וועסט קומען דאָרטען וועלען מיר שוין זיין פרי־הער און מיר וועלען דיר העלפען" (פדר"א ל"ד).

משל

אַ מאַן איז געפאָרען אויף אַ שיף. אין מיטען שטורמ־דיגען ים איז די שיף צובראָכען געוואָרען און ער האָט זיך געראַטעוועט אויף אַ ברעט פון שיף, און אַזוי שווימענדיג האָט איהם דער ים אַרויסגעוואָרפען אויף אַ פרעמד לאַנד. פלוצלונג האָט ער געזעהן ווי די מענשען פון לאַנד זיינען איהם אַנטקעגען געקומען מיט גרוים כבוד און מוזיק, איהם אַריינגעפיהרט אין שטאָדט, און איהם געמאַכט פאַר קעניג. עס האָט איהם גאָר ניט געפעלט דאָרטען, ער האָט געהאַט גאָלד, זילבער און אַלץ וואָס נאָר זיין הארץ האָט געוואָלט. ער האָט אָבער געוואָלט אויסגעפינען, פאַרוואָס עפעס האָט מען איהם דוקא געמאַכט פאַר קעניג און ניט פון זייערע איי־גענע מענשען, און ווי לאַנג וועט מען איהם האַלטען דאָרטען פאַר קעניג. ווען ער האָט געפרעגט, האָט איהם קיינער ניט געוואָלט זאָגען. האָט ער איין מאָל אַריינגערופען אַ

פריינד זיינעם, וואָס ער האָט זיך דאָרטען געמאַכט, און איהם געפרעגט די פראַגע. דער פריינד האָט איהם געזאָגט: הער זיך צו גוטער פריינד ביי אונז איז אַזאַ איינפיר, אַז אַלע פאַר יאָהר געהען מיר צום ברעג ים, און דעם ערשטען מענשען וואָס מיר געפינען נעמען מיר איהם צו מיט גרויס כבוד און מאַכען איהם פאַר קעניג אויף אונזער לאַנד, ביז אַ צייט קומט און מיר נעמען צו ביי איהם אַלץ וואָס ער האָט און מיר פאַר־שיקען איהם אויף אַ וויסטען אינזעל. ווען דער מענש — דער קעניג — האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך זעהר צעוויינט און געפרעגט: „וואָס קען ער טאָן אום זיך צו ראַטעווען פון דעם ביטערען שיקזאַל וואָס איהם ערוואַרטעט".

און דער פריינד האָט איהם געענטפערט:

היינט ביסטו דער קעניג, און וואָס דו וועסט הייסען טאָן, וועט מען דיר פאָלגען. טאָ נעם און גרייט זיך צו, אַז ווען די צייט וועט קומען, און מען וועט דיר פאַרשיקען אויף דעם אינזעל, זאָל דער אינזעל זיין אַן אָרט וואו אַ מענש קען לעבען. עס זאָלען דאָרטען זיין פרוכט, וואוינונגען, און אַלץ וואָס אַ מענש דאַרף האָבען. שיק אַוועק דאָרטען דיינע גוטע פריינד, זיי זאָלען דאָס באַאַרבעטען פאַר דיר, און ווען די צייט וועט קומען, וועסטו געהן דאָרטען מיט פרייד, ווייל דו וועסט וויסען אַז דאָרטען וועט דיר גאָר ניט פעלען. איך וויל דיר נאָר זאָגען: „וואויל איז דיר אַז דו האָסט זיך ארום־געקוקט אין צייט, און דו האָסט ניט געטאָן ווי אַנדערע טוען, זיי עסען און טרינקען און לאָזען זיך וואויל געהן, און ווען זייער צייט קומט און זיי דאַרפען דאָס אַלץ פאַרלאָזען, וויינען זיי וואָס זיי האָבען זיך גאָר ניט צוגעגרייט, אָבער עס איז שוין שפּעט".

דער משל פאַרשטעהט זיך: „וואויל איז דעם מענשען וואָס גרייט זיך צו ביים לעבען (מחבר).

ג

תורה

הגוי גם צדיק תהרג (בראשית כ׳ פ״ד).

און גאָט איז געקומען צו אבימלך׳ן אין חלום ביינאַכט און האָט איהם געזאָגט: „דו וועסט שטאַרבען איבער די פרוי וואָס דו האָסט צו דיר גענומען, דען זי איז אַ פאַרהייראַטע פרוי״. (אבימלך האָט זיך צו די פרוי ניט דערנענטערט). און אבימלך האָט געזאָגט: „גאָט, ווילסטו דען אַ (צדיק) אַ גערעכטען מאַן אומברענגען?״ אין אויפריכטיגקייט פון מיין הארץ און מיט ריינע הענד האָב איך דאָס געטאָן.

כתובים

נקי כפים ובר לבב, ישא ברכה מאת ה׳. דער וואָס האָט ריינע הענד און אַ קלאָרע הארץ, דער וועט באַקומען אַ ברכה פון גאָט (תהילים כ״ד ד׳).

צו ריינע הענד, מוז מען אויך האָבען אַן אויפריכטיג הארץ (מחבר).

ערצעהלונג

אַמאָל זיינען פון אַ שטאָדט געפאָרען פינף (סוחרים) קויפלייטע צו אַ יאַריד קויפען סחורה. יעדער פון זיי האָט מיטגעפיהרט אין בייטלען זייערע געלד, וואָס זיי האָבען געדאַרפט צו קויפען (סחורה) וואַרע. די פינף סוחרים האָבען זיך גוט געקענט, און יעדער פון זיי האָט געוואוסט, אַז די אַנדערע פיער זייען זעהר געהויבענע אָרענטליכע מענשען. קומענדיג אין דער שטאָדט פון יאַריד האָבען זיי אַלע געדונגען אַ צימער צום שלאָפען. גוט מיד זיינען זיי געוועזן פון וועג, איז יעדער פון זיי אַוועקגעפאַלען אַזוי ווי דערשלאָגענע און געשלאָפען געשמאַק. פאַרשטעהט זיך, אַז די טיר פון צימער האָבען

זיי גוט פארשלאָסען, ווייל זיי האָבען דאָך געהאַט דאָס גאַנצע פארמעגען מיט זיך.

אין דער פריה, ווען זיי האָבען זיך אויפגעהויבען, האָט איינער פון זיי זיך אַ טאַפּ געטאָן זעהן צי ער האָט דאָס דאָס געלד מיט זיך. (אַזוי ווי דער תלמוד זאָגט: „אַ מענש איז איינגעוואוינט זיך צו טאַפּען אין זיין בייטעל אַלע שעה" (ב"מ כ"א).

ער טאַפּט אַהער, ער טאַפּט אַהין, דאָס געלד איז ניטאָ. עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען, ער ווייסט נים וואָס צו טאָן, און אפילו ניט ווען צו פארדעכטיגען. ער קען די סוחרים, וואָס זיינען געווען מיט איהם ביינאַכט, זיי זיינען אַלע זעהר אָרענטליכע פיינע מענשען. אָבער די טיר איז דאָך געווען פארשלאָסען. ווער האָט דאָס דאָך צוגענומען? אַ מלאך פון הימעל איז דאָך ניט געקומען דאָס צו נעמען. דער סוחר איז געגאַנגען צום רב פון שטאָדט, און זעהר געוויינט, און איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע. דער רב פרעגט: וועמען פארדעכטיגסטו? ניין, רבי, ענטפערט דער סוחר, זיי זיינען אַלע אָרענטליכע, ווי ווייט איך קען זיי.

דער רב האָט געשיקט רופען די סוחרים און צו זיי געזאָגט: „קיינער איז אין צימער, וואו איהר זייט געווען, ניט אריינגעקומען ביינאַכט, האָט דאָס זיכער איינער פון אייך צוגענומען די געלד, נאָר אַזוי ווי קיינער פון אייך וויל ניט צוגעבען, דערפאַר וועט מוזען יעדער פון אייך אריינגעהן אין אַ פינסטערען צימער. איך האָב דאָרטען אַ האָן, און ווען דער וואָס האָט גענומען די געלט וועט אָנקלייגען זיינע הענד אויף דעם האָן, וועט דער האָן אַ געשריי טאָן. דאָן וועלען מיר וויסען ווער עס האָט דאָס געלד גענומען". דער רב האָט דערווייל צוגעריכט אַ הילצערנעם האָן, וואָס ער האָט באַשמירט מיט שווארצע סאַזשע. די אָרענטליכע סוחרים, וואָס האָבען געפיהלט אַז זיי זיינען אומשולדיג, האָבען אָרויפ-

געלייגט זייערע הענד אויף דעם האָן, אָבער דער שולדיגער האָט מורא געהאַט, פילייכט איז אמת, אַז דער האָן וועט אַ געשריי טאָן, ווען ער וועט זיין האַנד אַרויפלייגען אויף דעם האָן, האָט ער אויסגעמידען און ניט אַרויפגעלייגט זיין האַנד.

ווען זיי זיינען אַרויסגעקומען פון פינסטערען צימער, האָט זיי דער רב געהייסען ווייזען זייערע הענד, און ביי די אָרענטליכע איז געווען די הענד פאַרשמירט מיט סאַזשע, אָבער ביים גנב איז געווען די הענד ריין.

„האַ! זאָגט דער רב, ניט אַלע מאָל ווען די הענד זיינען ריין, איז דאָס הארץ ריין און אויפריכטיג. זיי אַזוי גוט און גיב אָפּ דעם מאַן די געלד״ (פאָלקס-געשיכטע).

סוף גנב לתליה (בן סירא פ״כ). די ענדע פון אַ גנב איז די תליה.

אַלע טהאַטען וועט גאָט ברענגען פאַר אַ געריכט, אויף אַלץ וואָס איז פאַרבאָרגען, גוט אָדער שלעכט (קהלת י״ב י״ד).

ד

ה׳ הצדיק (שמות ט׳ כ״ז).

און נאָך דעם וואָס גאָט האָט געבראַכט אויף פרעה׳ן און די מצריים די מכה פון האָגעל (ברד), האָט פרעה געשיקט רופען צו זיך משה און אהרן, און האָט צו זיי געזאָגט: „איך האָב געזינדיגט דאָס מאָל, גאָט איז דער צדיק״.

ניט אַלע מאָל איז דער וואָס שלאָגט דיר, דער אומגערעכטער, אַ סך מאָל איז ער דער גערעכטער (מחבר).

כתובים

חושך שבטו שונא בנו

דער וואָס באַשטראָפט ניט זיין זוהן, איז אַ צייכען אַז ער האָט איהם פיינט, און דער וואָס ליעבט איהם, דער לערענט איהם אָפּט (משלי י״ג כ״ד).

תלמוד

יעדער אָרט וואו עס איז דאָ אַ פאַרשוועכונג פון גאָט'ס נאָמען, טיילט מען ניט צו קיין כבוד אפילו צו אַ רב (ברכות י"ט).

ניט אַלע מאָל איז דער וואָס טוט דיר גוטעס אַ פיינער מענש, און ניט אַלע מאָל איז דער וואָס טוט דיר שלעכטס, אַ שלעכטער (מחבר).

תלמוד

אבימי דער זוהן פון רבי אבהו האָט געלערענט: עס איז אַמאָל דאָ איינער וואָס גיט עסען זיין פאָטער פעטע פויגעלאַך און ער ווערט געשטראָפט מיט דעם, וואָס ער געהט אַוועק פון דער וועלט. און עס איז דאָ איינער וואָס מאַכט זיין פאָטער אַרבייטען זעהר שווער ביי אַ מיל-שטיין, און דאָס ברענגט איהם באַצאָהלט פון גאָט און ער פאַרדינט עולם הבא (קידושין ל"א).

איינער האָט געגעבען זיין פאָטער צו עסען פון דאָס בעסטע, אפילו געבראָטענע טייבעלאַך, נאָר ווען זיין פאָטער האָט איהם געפרעגט: „מיין קינד, וואו נעמסטו דאָס?" האָט ער איהם געענטפערט: „וואָס געהט דאָס דיר אָן, וואו איך נעם. קיי און עס און פרעג ניט קיין קשיות". אַזוי ווי הינט עסען און פרעגען קיין פראַגעס ניט. „דער זוהן" אפילו ער האָט געגעבען זיין פאָטער דאָס בעסטע, „נאָר ניט בדרך-כבוד" ער וועט באַשטראָפט ווערען.

אַן אַלטער מאַן איז אויפגעפאָדערט געוואָרען צו קומען אַרבייטען פאַר די רעגירונג, האָט איהם זיין זוהן געזאָגט: „פאָטער, דו טו בעסער מיין אַרבייט פון מאָלען אויף די מיל-שטיינער, און איך וועל געהן אַנשטאָט דיר צו די רעגירונג'ס-אַרבייט, כדי דו זאָלסט ניט פאַרשעמט ווערען ביי זיי. „דער זוהן" אפילו ער האָט געמאַכט אַרבייטען זיין פאָטער מיט מיל-

שטיינער, אָבער זיין געדאַנק איז געווען גוט. דערפאַר, וועט איהם גאָט באַצאָהלען מיט גוטס (תלמוד ירושלמי פאה פא״).

כתובים

עס זיינען באַליעבט די וואונדען וואָס מען באַקומט פון אַ פריינד. עס זיינען אָבער איבערדריסיג די קושען פון אַ פיינט (משלי כ״ז פ״ו).

תורה

און פרעה האָט געמוזט צוגעבען, אַז גאָט איז גערעכט (שמות ט׳ כ״ז).

זעהר אָפט מוז דער שלעכטער צוגעבען, אַז דער גוטער איז גערעכט (מחבר).

תלמוד

רבי יוסי דער זוהן פון רבי יהודה זאָגט: „צוויי מלאכים באַגלייטען דעם מענשען שבת ביינאַכט ווען ער געהט פון שוהל אַהיים, איינער אַ גוטער, איינער אַ שלעכטער. און אַז דער מענש קומט אַהיים, און ער געפינט ליכט ברענען, דער טיש איז געגרייט צום עסען, די בעט איז שעהן פאַרבעט, זאָגט דער גוטער מלאך: „דער ווילען פון גאָט זאָל זיין אַז דעם אַנדערען שבת זאָל אויך זיין אַזוי״. און דער שלעכטער מלאך מוז ענטפערען אמן״ (שבת קי״ט ע״ב).

גאָט אַליין גיט צו, אַז דער גוטער איז גערעכט (מחבר).

ילקוט, ערצעהלונג

עס איז געווען אַ פרומער מאַן (אַ חסיד) וואָס איז פאַר־אָרימט געוואָרען. אויך זיין פרוי איז געווען זעהר פרום און גוט. אַם ענדע איז ער געוואָרען אַן ארבייטער. איינמאָל, ווען ער האָט געאַקערט אין פעלד, איז געקומען צו איהם אליהו הנביא, אין דעם געשטאַלט פון אַן אראַבער, און האָט

געזאָגט צו איהם: „דיר איז באַשערט צו האָבען זעקס גוטע יאָהר. ווען ווילסטו די גוטע יאָהר, גלייך אָדער ביי די ענדע פון דיין לעבען?" רופט זיך אָן דער חסיד: „דו צויבערער, איך בין אָרים. איך האָב דיר גאָר ניט וואָס צו באַצאָהלען פאַר דיין פאָראויס זאָגען. גיי דיר בעסער אַוועק פון מיר". אליהו האָט זיך אומגעקערט דריי מאָל. דעם דריטען מאָל, זאָגט דער חסיד: „איך וועל געהן זיך בעראַטען מיט מיין ווייב". איז דער חסיד געגאַנגען און געזאָגט צו זיין פרוי, וואָס אליהו האָט איהם געזאָגט. זאָגט די פרוי צום חסיד: „געה זאָג איהם אַז מיר ווילען דאָס יעצט". איז דער חסיד געגאַנגען און געזאָגט צו אליהו: „מיר ווילען דאָס עס זאָל זיך אָנפאַנגען די גוטע יאָהרען גלייך". האָט אליהו געזאָגט: „גוט, געה אַהיים, און ווען דו וועסט קומען צום טויער פון דיין הויז, וועסטו שוין זעהן די ברכה אין דיין היים". אין דער צייט, וואָס דער חסיד איז אַהיים געגאַנגען, האָבען זיך זיינע קינדער געשפּיעלט מיט ערד. זיי האָבען געפונען דאָרט אַזוי פיעל געלד, וואָס האָט גענוג פאַר זיין געדאַרפט דעם חסיד און זיין פאַמיליע פאַר זעקס יאָהר.

וואָס האָט געטאָן די כשר'ע פרומע פרוי? זי האָט געזאָגט צום חסיד: „אַזוי ווי גאָט האָט געטאָן מיט אונז פיעל גוטס, לאָמיר זיך אָפּגעבען מיט טאָן גוטס פאַר מענשען די זעקס יאָהר". אַזוי האָבען זיי געטאָן, אַלץ וואָס זיי האָבען צוטיילט פאַר צדקה און פאַר תורה, האָבען זיי געהייסען זייער זוהן פאַרשרייבען.

נאָך די זעקס יאָהר איז געקומען אליהו צום חסיד און צו איהם געזאָגט: „עס איז שוין געקומען די צייט צונעמען פון דיר וואָס מען האָט דיר געגעבען".

זאָגט דער חסיד: „ווען איך האָב באַשלאָסען צו נעמען, האָב איך דאָס געטאָן מיט דעם וויסען פון מיין פרוי. אויך יעצט, ווען דו פאַרלאַנגסט דאָס צוריק, מוז איך פרעגען מיין

פרוי". דער חסיד איז געגאַנגען און האָט דערצעהלט זיין פרוי אַז דער אַלטער מאַן איז געקומען צו נעמען דאָס געלד ווייל די זעקס יאָהר זיינען שוין פאַרבייגעגאַנגען.

רופט זיך אָן די פרוי: „געה זאָג איהם, אויב ער האָט געפונען מעהר באַגלויבטע און גוטע מענשען, ווי מיר זיינען, זאָל ער דאָס זיי געבען". ווען אליהו האָט געבראַכט דעם ענטפער פון חסיד און זיין פרוי פאַר גאָט, האָט השי"ת געזאָגט: „ווי באַלד זיי זיינען באמת גוטע אויפריכטיגע מענשען, און זיי האָבען געטאָן מיט די געלד צדקה און גוטע טהאַטען, דאַרף מען זיי געבען נאָך מעהר געלט זיי זאָלען האָבען אָנצוגעהן מיט צדקה און מעשים טובים" (ילק"ש).

אַזוי האָט גאָט צוגעגעבען אַז די גוטע מענשען זיינען גערעכט (מחבר).

כתובים

שלח לחמך על-פני המים כי ברב הימים תמצאנו.

שיק דיין ברויט אויפ'ן וואַסער, ווייל אין אַ צייט אַרום וועסטו דאָס געפינען (קהלת י"א א').

גיב צדקה און טו גוטע טהאַטען מיט דיין געלד וועט גאָט דיר געבען גערעכט און דו וועסט באַגליקען (מחבר).

ה

ונקי וצדיק אל תהרוג (שמות כ"ג ז').

דו זאָלסט דעם אומשולדיגען און דעם גערעכטען ניט טויטען.

רש"י

„פון וואַנען ווייס איך אַז איינער איז אַרוים פון געריכט אומשולדיג, און דערנאָך געפינט זיך איינער וואָס זאָגט ער קען איבערצייגען אַז דער געריכטעטער איז שולדיג, הערט מען זיך ניט צו צו איהם?" דערפאַר שרייבט די תורה: „דו זאָלסט ניט דעם אומשולדיגען טויטען" (סנהדרין ל"ג:).

תלמוד

אויף דריי מענשען וויינט גאָט אַלע טאָג.

א) אויף דעם וואָס קען זיך אָפּגעבען מיט תורה, און טוט דאָס ניט.

ב) אויף דעם וואָס קען ניט זיך אָפּגעבען מיט תורה, און גיט זיך אָפּ מיט די תורה.

ג) אויף אַ פיהרער (פּרעזידענט, גבאי, אָדער אַנדער קהל-קליאַמקע) וואָס גרויסט זיך אויף דעם פאָלק (חגיגה ה׳ :).

דריי מענשען האָט גאָט פיינד.

א) דער וואָס רעדט מיט׳ן מויל אַזוי און אין הארצען טראַכט ער אַנדערש.

ב) דער וואָס ווייסט צו זאָגען עדות צו זיין חבר און זאָגט ניט.

ג) דער וואָס קומט איינער אַליין זאָגען שלעכטס אויף זיין פריינד (פּסחים קי״ג :).

אַ מאַן מיט דעם נאָמען זיגוד איז געקומען פאַר רב פּפּא און צו איהם געזאָגט: „טוביה האָט געזינדיגט". רב פּפּא האָט איהם (זיגוד׳ן) געשלאָגען. פרעגט זיגוד: „סטייטש, טוביה האָט געזינדיגט און מיר שלאָגסטו?" ענטפערט איהם רב פּפּא: „דו קומסט אַליין זאָגען שלעכטס אויף טוביה׳ן, ביסטו ניט באַגלויבט, ווייל די תורה זאָגט: „נאָר דורך צוויי עדות קען אַ זאַך באַשטעטיגט ווערען" און דו ביסט ניט מעהר ווי איינער. דערפאַר קומט דיר שלאָגען, ווייל דו ברענגסט אַרויס אַ שלעכטען נאָמען אויף דיין חבר" (פּסחים קי״ג).

ווען די גיפטיגע צינגער וואָלטען זיך אַביסעל איינגעהאַלטען, וואָלט געווען אַ שעהנערע און בעסערע וועלט (מחבר).

תלמוד

דער וואָס דערצעהלט שלעכטס אויף יענעם, איז גלייך ווי ער לייקענט אין גאָט.

אז משיח וועט קומען, וועלען זיך פארזאמלען אלע חיות און וועלען זאגען צום שלאנג:

„דער לייב טרעט מיט זיינע פיס אויף די זאך וואס ער פאנגט, דאס זאל ניט אוועקלויפען, כדי ער זאל דאס קענען עסען. דער וואלף טויטעט און עסט. אלע עסען און האבען הנאה, אבער דו שלאנג וואס פאר א הנאה האסטו פון דיין בייסען?" (ערכין ט"ו:).

דאס זעלבע מיט מענשען, וואס רעדען שלעכטס אויף יענעם. וואס פאר א הנאה האבען זיי פון דעם. סוף כל סוף וועלען זיי טייער באצאהלען פאר דעם (מחבר).

כתובים

גאט זאל פארשניידען די אלע ליפען וואס רעדען גלאטע רייד, און די צונג וואס רעדט גרויסע רייד אויף זיין פריינד (תהילים י"ב).

טויט און לעבען איז אין די האנד פון צונג (משלי י"ח).

תלמוד

האט ר' יהושע בן לוי געזאגט: „פארוואס האט די תורה געמאכט א צווישען שייד פון א קרעציגען ביז אנדערע (טמא) אומריינע מענשען? ווייל דער קרעציגער האט מיט זיין רעדען שלעכטס (איידער ער איז קראנק געווארען) צושיידט מאן און פרוי, מענש פון מענש, דערפאר זאל ער זיין אפגעשיידט פון אלע מענשען" (ערכין ט"ז:).

היט דיין צונג און דו וועסט זיין גליקליך (מחבר).

ילקוט

מעשה: א פערסיאנער קעניג איז געווארען זייער מאגער און האט געהאלטעןביים שטארבען, האבען צו איהם די דאקטוירים געזאגט: „פאר דיר איז קיין עצה ניטא, סיידען דו וועסט טרינקען מילך פון א לייביכע. און נאר דאן וועסטו געזונד ווערען". האט דער קעניג געפרעגט: „ווער וועט

דאָס געהן און מיר ברענגען מילך פון אַ לייביכע?" איינער פון דעם קעניג'ס באַדינער האָט זיך אָנגערופען: „איך וועל געהן, נאָר איהר זאָלט מיר גיבען צען ציגען". מען האָט איהם געגעבען צען ציגען. ער איז געגאַנגען צו אַ לייבען גרוב, וואו אַ לייביכע האָט געזוייגען איהרע קינדער. דעם ערשטען טאָג איז ער געשטאַנען פון וויטען און איהר צוגעוואָרפען איין ציג. דעם צווייטען טאָג האָט ער זיך אַביסעל דערנעענטערט און איהר צוגעוואָרפען נאָך אַ ציג. אַזוי האָט ער געטאָן אַלע טעג, ביז וואַנען ער איז געוואָרען אַ גוטער פריינד מיט די לייביכע. אויפ'ן צעהנטען טאָג האָט ער זיך מיט די לייביכע געשפּיעלט און איהר אויסגעמאָלקען. זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין מיטען וועג, ווען ער איז איינגעשלאָפען, האָט ער געהערט אַז זיינע גלידער קריגען זיך. די פיס זאָגען: „עס זיינען ניטאָ אַזוינע גרויסע מיוחסים ווי מיר זיינען, ווייל ווען מיר געהען ניט, וואָלט דער גאַנצער קערפּער ניט געקענט ברענגען די מילך". זאָגען די הענד: „ניין, מיר זיינען די מיוחסים, ווייל ווען מיר מעלקען ניט, וואָלט דער קערפּער ניט געקענט האָבען די מילך". די אויגען האָבען געזאָגט: „מיר זיינען בעסער פון אַלע גלידער, ווייל ווען ניט מיר, וואָלט איהר ניט געזעהן דעם וועג צו געהן נעמען די מילך". זאָגט דאָס הארץ: „ווען איך גיב ניט קיין עצה, וואָלט איהר גאָר ניט אויפגעטאָן, דערפאַר בין איך העכער און בעסער ווי איהר אַלע". רופט זיך אָן די צונג: „איך בין בעסער און וויכטיגער פון אייך אַלע, ווייל ווען איך זאָג ניט דעם קעניג, וואָלט גאָר ניט געוועזן". האָבען זיך אַלע גלידער אָנגערופען: „וואָס? דו ביסט אויך דאָ! דו, וואָס זיצסט אין דער פינסטער, און האָסט קיין ביין ניט, האָסטו גאָר קיין שרעק ניט זיך צו מישען צווישען אונז". זאָגט די צונג: „נאָך היינט וועט איהר מוזען צוגעבען אַז איך בין דער וויכטיגסטער גליד צווישען אייך".

ווען דער מאַן איז געקומען צום קעניג, רופט ער זיך אָן: „איך האָב דיר געבראַכט מילך פון א הונט (כלבה). טרינק דאָס". דער קעניג, ווען ער האָט דאָס געהערט, איז ער שרעקליך אין צאָרען געקומען און געגעבען אַ באַפעל: „דעם מאַן צו הענגען". ווען מען איז געגאַנגען דעם מאַן הענגען, האָבען אַלע גלידער געציטערט. האָט די צונג געזאָגט: „איהר גלידער, האָב איך אייך דען ניט געזאָגט, אַז איהר אַלע האָט קיין ווערדע ניט אַהן מיר, און יעצט, ווען איך וויל אייך ראַטעווען וועט איהר צוגעבען אַז איך בין וויכטיגער פון אייך?" „גוט, זאָגען די גלידער, ראַטעווע אונז און מיר וועלען אַנערקענען אַז דו ביסט דער וויכטיגסטער גליד פון קערפּער". גלייך האָט דער מאַן געזאָגט צו די הענקער: „ברענגט מיר צוריק צום קעניג". ווען מען האָט דעם מאַן געבראַכט צום קעניג, פרעגט ער דעם קעניג: „פאַרוואָס האָסטו מיר געהייסען הענגען?" רופט זיך אָפּ דער קעניג: „ווייל דו האָסט געמאַכט שפּאַס פון מיר, דו האָסט מיר געבראַכט מילך פון אַ הונט". זאָגט דער מאַן: „ווער האָט דיר דען געזאָגט אַז דאָס איז פון אַ הונט, איך האָב געזאָגט אַז דאָס איז פון אַ כלבה. ביי אונז רופט מען אַ לייביכע — כלבה". האָט מען פּרובירט די מילך און עס איז ריכטיג געווען פון אַ לייביכע. איז דער מאַן באַפרייט געוואָרען, און אַלע גלידער האָבען אַנערקענט אַז די צונג איז די הויפּט פאַראַנטוואָרטליכער גליד פון מענשען (ילק"ש).

תלמוד

שווייגען איז שעהן פאַר קלוגע, איבערהויפּט פאַר נאַראַנים. אַזוי האָט אויך געזאָגט שלמה המלך (משלי י"ז כ"ח). „ווען אַ נאַר שווייגט, ווערט ער גערעכענט פאַר אַ קלוגען. איבערהויפּט ווען אַ חכם שווייגט" (פּ"ם צ"ט).

כתובים

דער וואָס היט זיין צונג, היט אָפּ זיין לייב פון צרות (משלי כ"א).

תלמוד

עס האָט אַמאָל געטראָפען: ר' אליעזר ב"ר שמעון איז געקומען פון מגדל-גדור פון זיין רבי'ן. ער האָט געריטען אויף אַן אייזעל, שפּאַצירענדיג אויף דעם ברעג טייך. ער איז געווען זעהר פרעהליך און ביי זיך געווען גרויס, ווייל ער האָט פיעל תורה געלערענט. איז געקומען פאַר איהם אַ מאַן וואָס איז געווען זעהר מיאוס, און צו איהם געגעבען שלום. ר' אליעזר האָט איהם ניט געענטפערט קיין שלום. אנשטאָט, האָט ער איהם געזאָגט: „איז דאָ אַ סך אַזוינע מיאוס'ע מענשען ביי דיר אין שטאָדט?" זאָגט דער מאַן צו איהם: „איך ווייס ניט, נאָר געה צו דעם בעל-מלאכה, וואָס האָט מיר געמאַכט (צו גאָט וואָס האָט איהם באַשאַפען) און זאָג צו איהם: „ווי מיאוס איז די כלי וואָס דו האָסט געמאַכט". ווי ר' אליעזר האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזינדיגט, איז ער אַרונטער פון אייזעל און געזאָגט צום מאַן: „איך האָב געזינדיגט אַנטקעגען דיר, זיי מיר מוחל". האָט דער מענש געזאָגט צו רבי אליעזר: „איך וועל דיר ניט מוחל זיין ביז דו וועסט געהן צו דעם בעל-מלאכה וואָס האָט מיר געמאַכט און איהם זאָגען: ווי מיאוס איז די כלי וואָס דו האָסט געמאַכט". ר' אליעזר איז נאָכגעגאַנגען דעם מאַן ביז ער איז געקומען אין זיין שטאָדט. די שטאָדט מענשען זיינען אַרויס-געקומען באַגריסען ר' אליעזר'ן, און זיי האָבען איהם גערופען רבי, רבי, לעהרער, לעהרער. האָט דער מאַן געפרעגט: „ווע-מען רופט איהר רבי?" האָבען זיי איהם געענטפערט: „דעם מאַן וואָס געהט דיר נאָך". האָט ער געזאָגט צו זיי: „אויב ער איז אַ רבי, זאָלען זיך ניט מעהרען צווישען אידען אַזוינע".

האָבען זיי איהם געפרעגט: „פאַרוואָס?" האָט ער זיי דער־צעהלט וואָס ער האָט איהם געטאָן און געזאָגט. האָבען די שטאָדט מענשען געזאָגט צו איהם: „פון דעסטוועגען פאַרגיב איהם, ווייל ער איז אַ גרויסער מענש אין תורה". האָט דער מאַן געזאָגט: „צוליעב אייך וועל איך איהם פאַרגיבען, נאָר מיט דעם באַדינג ער זאָל דאָס ניט טאָן מעהר" (תענית כ׳:).

אפילו פון אַ תלמוד־חכם וואָס איז אַ גרויס האַלטער (אַ בעל־גאוה) און האָט אַ שלעכטע צונג, דאַרף מען אַנטלויפען, און וואָס שנעלער איז בעסער (מחבר).

תלמוד

זאָגט רבי עקיבא: דער יעניגער וואָס גרויסט זיך צוליעב די תורה וואָס ער האָט, צו וואָס איז ער גלייך? צו אַ נבלה וואָס ליגט אויפן וועג, דער וואָס גייט פאַרביי לייגט אַוועק זיין האַנד אויפ'ן נאָז, און דערווייטערט זיך און גייט וואָס שנעלער אַוועק (אבדר"ן פ׳ י"א א׳).

האָט געזאָגט רבי הושעיה: פאַרוואָס זיינען געגליכען די ווערטער פון תורה צו די דריי געטראַנקען — וואַסער, מילך און וויין. דיר צו זאָגען: אַזוי ווי די דריי געטראַנקען קענען ניט זיך האַלטען נאָר אין די ביליגע כלים, אַזוי קען זיך ניט האַלטען קיין תורה, נאָר ביי דעם וואָס איז ניט קיין גרויס־האַלטער (תענית ז׳).

האָט ר׳ יוסף געזאָגט: אַ מענש זאָל זיך אַלע מאָל לערנען פון באַשעפער, ווייל הקדוש־ברוך־הוא האָט איבערגע־לאָזט אַלע גרויסע בערג און געמאַכט רוהען זיין כבוד נאָר אויף דעם באַרג סיני (וואָס איז זעהר קליין) ער האָט איבער־געלאָזט אַלע בוימער און געמאַכט רוהען זיין כבוד אויף דעם דאָרען־בוים (סוטה ה׳).

דאָס ווייזט אַז די געטליכקייט רוהט נאָר אויף די וואָס האַלטען זיך קליין, און דער מענש וואָס וויל ניט פאַרלירען זיין

געטליכקייט פון זיין נשמה מוז אויסמיידען זיך פון צו האלטען גרויס (מחבר).

זאָגט ר׳ אלעזר: וואָס מיינט דער פסוק: „זיינע באַקען זיינען ווי אַ בייט מיט בשמים״ (שה״ש ה׳)? אויב דער מענש מאַכט זיך אַזוי ווי איין בייט וואָס אַלע טרעטען אויף איהר, און ער איז ווי די בשמים וואָס אַלע שמעקען פון איהם, וועט זיין תורה בלייבען ביי איהם, אויב ניט, וועט זיין תורה ניט בלייבען ביי איהם (עירובין נ״ד).

זיך האַלטען קליין איז די בעסטע זאַך, בעסער ווי אַלע גוטע זאַכען, ווייל דורך די זאַך קומט מען צו מורא האָבען פאַר גאָט, ווייל דער מענש דאַרף אַלע מאָל אין זינען האָבען: פון וואַנען ער קומט און וואו ער געהט״. און ער איז בייס לעבען אַזוי ווי אַ וואָרים, איבערהויפּט נאָך זיין לעבען. און ער וועט דאַרפען אָפּגעבען (דין וחשבון) רעכענונג פאַר דעם געטליכען קעניג (אגרת הרמב״ן).

ו

ויסלף דברי צדיקים (שמות כ״ג ח׳, דברים ט״ז י״ט).

תורה

דו זאָלסט ניט נעמען קיין כאַבאַר, ווייל דאָס נעמען כאַבאַר מאַכט בלינד די זעהענדיגע און פאַרקרימט די רייד פון די גערעכטע.

ווילסטו אַן אָרענטליכער מענש זיין, היט זיך אויס פון פאַלשקייט. שמייכלען, הייסט אויך כאַבאַר (מחבר).

תלמוד

אפילו אַ ריכטיגער צדיק און נעמט כאַבאַר, וועט ער ניט אַוועקגעהן פון די וועלט, ביז וואַנען זיין געדאַנק וועט צומישט ווערען (כ״ת ק״ה).

צו ר׳ ישמעאל זוהן פון ר׳ יוסי פלעגט זיין ארבייטער ברענגען א קארב פרוכט אלע פרייטאג. איין מאל האט ער איהם געבראכט די פרוכט דאנערשטאג. האט איהם ר׳ ישמעאל געפרעגט: „פארוואס האסטו היינטיגע וואך גע־בראכט פריהער ווי אלע מאל?״ האט איהם דער ארבייטער געענטפערט: „ווייל איך האב א דין־תורה צו האלטען פאר דיר היינט, האב איך שוין אין דער זעלבער צייט געבראכט די פרוכט״. האט ר׳ ישמעאל געזאגט: „איך וויל ניט די פרוכט און איך קען ניט מעהר זיין א ריכטער פאר דיר, ווייל דאס ברענגען פאר מיר די פרוכט היינט, פריהער ווי אלע מאל, קוקט אוים ווי כאבאר״. האט ר׳ ישמעאל אוועקגעזעצט צוויי תלמידי־חכמים זיי זאלען זיין די ריכטער פאר דעם ארבייטער. אין דער צייט וואס ר׳ ישמעאל איז געגאנגען און געטראכט: „ווען דער ארבייטער וואלט געזאגט אזוי און אזוי פאר די ריכטער, וואלט ער גערעכט געווען״. נאכער האט ר׳ ישמעאל געזאגט: „זאל ארוים די נשמה פון די וואס נעמען כאבאר, מאדאך איך, וואס האב ניט גענומען, און ווען אפילו איך נעם, איז דאס אויך מיינס, און פון דעסטוועגען האב איך שוין געוואלט אז דער ארבייטער זאל זיין גערעכט, אי־בערהויפט די וואס נעמען כאבאר וועלען אויף זיכער פאלש ריכטען״ (כ״ת ק״ה).

א פילאזאף א ריכטער וואס איז געווען ניט קיין איד פלעגט זיך באריהמען, אז ער נעמט ניט קיין כאבאר״. ער האט געוואוינט לעבען אימא־שלום די שוועסטער פון רבן גמליאל די פרוי פון ר׳ אלעזר. רבן גמליאל האט געוואלט איבערציי־גען אז דער פילאזאף ריכטער איז ניט ערענטליך, און אז ער נעמט כאבאר. איז אימא־שלום געגאנגען צום ריכטער און איהם געזאגט: „איך וויל מען זאל זיך מיט מיר טיילען דאס פארמעגן וואס מיינע עלטערן האבען איבערגעלאזט״ אימא־שלום האט געגעבען דעם ריכטער א גאלדענע ליכט.

האָט דער ריכטער געזאָגט: „אַז מען זאָל זיך מיט איהר טיילען דאָס פאַרמעגען פון איהרע עלטערען". רופט זיך אָן ר' גמליאל צום ריכטער: „עס שטעהט דאָך אין די תורה, אַז אַ זוהן נעמט דאָס פאַרמעגען פון די עלטערען, ניט אַ טאָכ־טער".

ענטפערט דער ריכטער: „פון דעם טאָג וואָס די אידען זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד, איז צוגענומען געוואָרען די תורה פון משה און אַן אנדער תורה איז געגעבען געוואָרען, און אין די נייע תורה שטעהט, אַז אַ טאָכטער נעמט יאָ אַ טייל פון עלטערען'ס פאַרמעגען". דעם אנדערען טאָג איז רבן גמליאל געקומען צום ריכטער און געבראַכט איהם אַן אייזעל. האָט שוין דער ריכטער געזאָגט: „די נייע תורה שרייבט, אַז זי איז ניט געקומען צו שטערען די אַלטע תורה פון משה, אויב אַזוי דאַרף אַ טאָכטער ניט נעמען פון דאָס פאַרמעגען פון די עלטערען". רופט זיך אָן אימא-שלום צום ריכטער: „זאָל דיין חכמה שיינען ווי אַ ליכט" (דאָס האָט זי איהם דערמאָנט אָן דער גאָלדענער ליכט וואָס זי האָט איהם געגעבען). רופט זיך אָן רבן גמליאל: „דער אייזעל האָט אוועקגעבריקעט דאָס ליכט" (דאָס האָט ער געמיינט אַז דער אייזעל, וואָס ער האָט געגעבען דעם ריכטער, האָט גע־ענדערט זיין באַשלוס) און מיט דעם האָט רבן גמליאל איבער־צייגט אַז דער ריכטער פילאָזאָף איז ניט אָרענטליך און נעמט כאַבאַר, אויב מען גיט איהם נאָר (שבת קט"ז).

האָט ר' פפא געזאָגט: „זאָל אַ מענש ניט ריכטען זיין פריינד און ניט זיין פיינד, ווייל פאַר זיין פריינד וועט ער נאָר זעהן גוטעס, און פאַר זיין פיינד נאָר שלעכטעס" (כ"ת ק"ח:).

ז

תורה

והצדיקו את הצדיק (דברים כ"ה א׳.

אַז צווישען צוויי מענשען וועט אַ קריעג זיין, זאָלען זיי אין געריכט קומען, און מען וועט זיי אויסהערען. דעם גע־רעכטען וועט מען רעכט געבען.

דעם צדיק וועט מען אַם ענדע מוזען געבען גערעכט (מחבר).

נביאים ראשונים

אין יענע צייט איז דער קעניגליכער צדיק חזקיהו גע־פעהרליך קראַנק געוואָרען. איז ישעיהו זוהן פון אמוץ דער נביא געקומען צו איהם און געזאָגט: „מאַך אָרדענונג אין דיין הויז, ווייל דו וועסט שטאַרבען, דו קענסט ניט געזונט ווערען". האָט זיך דער קעניגליכער צדיק אומגעקערט מיט זיין געזיכט צו דער וואַנט און גאָט געבעטען, זאָגענדיג: „אָה, גאָט, געדענק ווי איך בין געגאַנגען פאַר דיר מיט דעם אמת, און מיט דעם גאַנצען הארצען האָב איך געטאָן אַלץ וואָס עס איז דיר געפעלען", און חזקיהו האָט זעהר געוויינט. דער נביא ישעיהו איז נאָך ניט געווען דורכגעגאַנגען דעם מיטעלסטען הויף, איז גאָט׳ס וואָרט געוועזן צו איהם: „געה צוריק און זאָג צו יחזקיהו דעם פיהרער פון מיין פאָלק, אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „איך האָב געהערט דיין געבעט און גע־זעהן דיינע טרערען, איך וועל דיר געזונט מאַכען. אין דריי טעג אַרום וועסטו געהן אין גאָט׳ס הויז, איך וועל צולייגען צו דיינע יאָהרען פופצעהן יאָהר. איך וועל אויך דיר רעטען פון דער האַנד פון אשור׳ס קעניג, צוזאַמען מיט די שטאָדט ירושלים (מלכים ב׳ כ׳).

מיר לערנען פון דעם:

1) אַז דער צדיק — באַקומט גערעכטיגקייט.

2) ער דאַרף אָדער קענען זאָגען „איך בין געגאַנגען מיט דעם אמת, און מיט דעם גאַנצען האַרצען געטאָן דעם ווילען פון אַ הקדוש ברוך הוא".

3) „שערי דמעות לא ננעלו" (ב"מ נ"ט). די טויערען פון טרערען זיינען ניט פאַרשלאָסען. דאָס מיינט אַז דער מענש וויינט און בעט ביי השי"ת מיט דעם גאַנצען האַרצען העלפט ער איהם (מחבר).

תלמוד

דער אַלטער צדיק הלל אַז ער פלעגט קומען פון וועג און האָט געהערט אַ געשריי אין שטאָדט, האָט ער געזאָגט: „איך בין זיכער אַז דאָס איז ניט אין מיין הויז". אויף איהם זאָגט דער פסוק: „פון אַ שלעכטען הערונג האָט ער קיין שרעק, וויל זיין האַרץ איז זיכער אין גאָט" (תהילים קי"ב) (ברכות ס').

ר' חנינא בן דוסא איז געגאַנגען אין וועג און האָט גע־טראָגען אַ קאָרב פון זאַלץ אויף זיין קאָפּ. האָט אָנגעהויבען צו רעגענען. האָט ר' חנינא געזאָגט: „רבונו של עולם, די גאַנצע וועלט איז רוהיג, און חנינא איז אין צער". האָט אויפגעהערט צו רעגענען. ווען ר' חנינא איז געקומען אַהיים, האָט ער געזאָגט: רבונו של עולם, די גאַנצע וועלט איז אין צער און חנינא איז רוהיג", האָט אָנגעהויבען צו געהן רעגן (תענית כ"ד).

עס איז געווען אָן אָרט וואו דאָרטען איז געווען אַ גיפ־טיגער שלאַנג און פלעגט פאַרגיפטיגען מענשען. איז מען געקומען צו ר' חנינא בן דוסא און צו איהם דאָס דערצעהלט. האָט ער געזאָגט „ווייזט מיר דעם לאָך וואו דער שלאַנג האַלט זיך אויף". האָט מען איהם דאָס געוויזען, האָט ער אַוועקגעלייגט זיין פוס אויף דעם לאָך. דער שלאַנג האָט

איהם אַ בּים געטאָן און דער שלאַנג איז געשטאָרבּען. האָט ר' חנינא גענומען דעם שלאַנג און איהם געבּראַכט אין בּית-המדרש און געזאָגט „זעהט, מיינע קינדער, ניט דער שלאַנג טויטעט, נאָר די זינד טויטעט". אין דער צייט האָט מען געזאָגט אין בּית-המדרש: „וועה איז צום מענשען וואָס דער גיפטיגער שלאַנג בּאַגעגענט איהם, וועה איז צום שלאַנג וואָס בּאַגעגענט ר' חנינא'ן (בּרכות ל"ג).

יום טוב, ווען אידען פון גאַנץ ארץ-ישראל זיינען געקו-מען נאָך ירושלים, איז איין יאָהר געווען אַ גרויסע טריקעניש. עס איז ניט געווען קיין וואַסער צו טרינקען. איז נקדימון בּן גוריון, וואָס איז אַליין געווען אַ רייכער מאַן, געגאַנגען צו אַ רייכען האַר און געזאָגט צו איהם: „לייַ מיר צוועלף בּרונימער וואַסער פאַר די אידען וואָס קומען נאָך ירושלים, און בּיז אַ צייט, וואָס דו וועסט בּאַשטימען, אויבּ עס וועט ניט געהן קיין רעגען און וועט צוריק אָנפילען די בּרונימער מיט וואַסער, וועל איך דיר געבּען צוועלף צענטער זילבּער". ווען עס איז געקומען דער בּאַשטימטער טאָג און קיין רעגען איז ניט געגאַנגען, האָט דער רייכער מאַן געשיקט צו נקדימון בּן גוריון, ער זאָל איהם געבּען וואַסער אָדער צוועלף צענטער זילבּער. נקדימון האָט געענטפערט: „דער טאָג איז נאָך גרויס און עס איז נאָך דאָ צייט די בּרונימער זאָלען ווערען פול". מיטאָג צייט האָט דער האַר געשיקט זאָגען צו נקדימון, ער זאָל איהם געבּען אָדער וואַסער אָדער די זילבּער". נקדימון האָט געענטפערט: „עס איז נאָך דאָ צייט". דער האַר האָט זיך צולאַכט און געזאָגט: „די גאַנצע צייט האָט ניט גערע-גענט און יעצט וועט רעגענען?" דער האַר האָט זיך זעהר געפרייט אַז בּאַלד וועט ער אַפּנעמען צוועלף צענטער זילבּער. איז ער געגאַנגען אין בּאָד. אין דער צייט וואָס דער האַר איז געגאַנגען אין בּאָד, איז נקדימון געגאַנגען אין בּית-המקדש און געבּעטען: „רבּונו של עולם, דו ווייסט אַז ניט צוליעב

מיין עהרע און ניט צוליעב די עהרע פון מיינע עלטערען האב איך געבארגט די וואסער, נאר די אידען זאלען האבען וואסער צו טרינקען".

גלייך נאך דעם זיינען די הימלען פארוואלקענט געווארען און עס האט אנגעהויבען צו רעגענען, ביז אלע ברונימער זיינען פול געווארען. עס איז נאך איבערגעגאנגען.

ווען דער האר האט געזעהן דעם רעגען, איז ער ארויס פון באד, און נקדימון איז ארויס פון בית-המקדש, האבען זיי זיך באגעגענט. זאגט צו איהם נקדימון: „יעצט דארפסטו מיר צוצאהלען, ווייל איך האב דיר צוריקגעגעבען מעהר וואסער ווי דו האסט מיר געגעבען". האט דער האר געזאגט: „איך האב נאך צו דיר א טענה, ביי דיר צו מאנען די צוועלף צענטער זילבער, ווייל עס איז שוין פינסטער און דער טאג איז שוין אוועק".

איז נקדימון בן גוריון צוריק אריין אין בית-המקדש און האט נאך אמאל געבעטען צו גאט, זאגענדיג: „רבונו של עולם, לאז וויסען די וועלט, אז דו האסט א ליעב פאלק אויף דער וועלט". גלייך האבען די וואלקענס זיך צושפרייט און די זון האט אנגעהויבען צו שיינען. דער האר האט געמוזט צוגעבען אז נקדימון איז גערעכט (תענית כ').

איין מאל איז שוין אוועקגעגאנגען די מעהרהייט פון חודש אדר און קיין רעגען איז נאך ניט געגאנגען. האט מען גע-זאגט צו חוני-המעגל: „בעט ביי גאט אז רעגען זאל קומען". האט חוני געזאגט: „נעמט אריין אייערע אויוועגס פון דרוי-סען, זיי זאלען ניט צוגעהן פון רעגען". האט חוני געבעטען און קיין רעגען איז ניט געקומען. וואס האט דער צדיק חוני געטאן? ער האט געמאכט א צירקעל און איז געשטאנען אין איהר און האט געזאגט: „רבונו של עולם, דיינע קינדער האבען געווענדעט זייער געזיכט צו מיר, ווייל איך בין ביי

דיר ווי א שטוב-מענש. איך שוועד ביי דיין גרויסען נאָמען, אז איך וועל זיך ניט ריהרען פון דאַנען, ביז דו וועסט רחמנות האָבען אויף דיינע קינדער". א רעגען האָט אָנגעפאַנגען צו טריפען. האָבען די תלמידים פון חוני געזאָגט צו איהם: „ווי עס ווייזט אוים, איז דאָס טריפען פון רעגען, נאָר צו באַפרי־דיגען דיין שווערען, אָבער ניט צופרידען שטעלען דעם באַ־דערפעניש פון פאָלק". האָט זיך אָנגערופען חוני: „איך האָב ניט געבעטען אזא רעגען, נאָר רעגען וואָס זאָל אָנפילען די גריבער און ערטער וואָס זאמלען וואַסער". האָט אָנגעפאַנגען צו געהן רעגען מיט צאָרן, ביז יעדער טראָפען איז געווען גרוים ווי א קוואָרט. האָבען די תלמידים געזאָגט: „רבי, ווי עס ווייזט אוים, געהט דער רעגען נאָר צו פארוויסטען די וועלט". האָט חוני געזאָגט צו גאָט: „ניט אזא רעגען האָב איך געבעטען, נאָר רעגען פון ברכה". האָט אָנגעפאַנגען צו געהן רעגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, ביז דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרויפגעגאַנגען צום באַרג וואו דער בית-המקדש איז גע־שטאַנען, צוליעב דעם רעגען, האָט מען געזאָגט צו חוני: „אזוי ווי דו האָסט געבעטען רעגען זאָל געהן, אזוי בעט עס זאָל אויפהערען". האָט חוני געזאָגט: „איך האָב אַן אויפטראַג פון מיינע עלטערען ניט צו בעטען אויף צו פיעל גוטס, נאָר פון דעסטוועגען ברענגט מיר אַן אָקס איך זאָל איהם אָפּפערען אַלס דאַנק פאַר גאָט". האָט מען איהם געבראַכט אַן אָקס, און ער האָט אַרויפגעלעגט זיינע ביידע הענד אויף איהם און געזאָגט: „רבונו של עולם, דיין פאָלק ישראל, וואָס דו האָסט אַרויסגענומען פון מצרים, קענען ניט פאַרנעמען צופיעל גוטס און ניט צופיעל שטראָף, ביסטו אין כעס, קענען זיי דאָס ניט פאַרנעמען, גיסטו זיי א סך גוטס, קענען זיי דאָס אויך ניט פאַרנעמען. זאָל זיין דיין ווילען אז דער רעגען זאָל אויפ־הערען". גלייך האָט א ווינט אָנגעהויבען צו בלאָזען און די וואָלקענס האָבען זיך צושפּרייט און די זון האָט אויפגעשיינט,

און דאָס פאָלק איז געגאַנגען אין די פעלדער און האָבן אַהיים געבראַכט שוואָמען (תענית כ״ג).

אבא־חלקיה דאָס אייניקעל פון חוני: ווען די וועלט האָט געדאַרפט רעגן, האָבן די חכמים געשיקט צו איהם, און ער פלעגט בעטען ביי השי״ת און רעגן איז געקומען. איין מאָל האָט די וועלט געדאַרפט האָבן רעגן, האָט מען געשיקט צו איהם צוויי תלמידי חכמים, אַז ער זאָל בעטען אויף רעגן. זיינען זיי געגאַנגען צו איהם אין פעלד, האָבן זיי איהם געטראָפען אַקערען דאָס פעלד.

1) זיי האָבן איהם באַגריסט, האָט ער זיי ניט געענטפערט. פאַרנאַכט האָט ער אָנגעקליבען האָלץ און איז אַהיים געגאַנגען.

2) געהענדיג, האָט ער געטראָגען די האָלץ און דעם אַקער־אייזען אויף איין אַקסעל, זיין קלייד אויף דעם אַנדערען אַקסעל.

3) דעם גאַנצען וועג האָט ער ניט געטראָגען זיינע שיך. ווען עס איז געקומען אַריבערצוגעהן אַ וואַסער, האָט ער אָנגעטאָן זיינע שיך.

4) ווען עס איז געקומען צו געהן צווישען דערנער, האָט ער אויפגעהויבען זיינע קליידער.

5) ווען ער איז אַריין אין שטאָדט, איז זיין פרוי אַרויס געגען איהם אויסגעפוצט.

6) ווען ער איז געקומען צו זיין הויז, איז זיין פרוי אַריין אין הויז פריהער, און נאָך איהר ער, און נאָכער די חכמים.

7) ווען ער האָט זיך געזעצט עסען, האָט ער ניט גע־בעטען די חכמים זיי זאָלען עסען מיט איהם.

8) ווען ער האָט צושניטען די ברויט, האָט ער געגעבען זיין גרויסען זוהן איין שטיק ברויט, און צו זיין קלענערען זוהן צוויי שטיקלאַך ברויט.

נאָך דעם עסען זאָגט אבא־חלקיה צו זיין פרוי: „איך

ווייס אַז די חכמים זיינען געקומען צו מיר, איך זאָל בעטען אויף רעגען, דערפאַר לאָמיר אויפשטעהן און אַרויף געהן אויפ'ן דאַך און בעטען ביי גאָט, פיליכט וועט גאָט באַוויליגען און עס וועט געהן רעגען, און מיר וועלען ניט דאַרפען אַז מען זאָל אונז זיין דאַנקבאַר".

זיינען זיי אַרויף אויפ'ן דאַך און אבא-חלקיה איז געשטאַנען אין איין ווינקעל און געבעטען, און זיין פרוי איז געשטאַנען אין אַ אַנדער ווינקעל און געבעטען.

9) האָט אַ וואָלקען זיך באַוויזען פריהער פון דעם ווינקעל וואו זיין פרוי איז געשטאַנען.

ווען זיי זיינען אַרונטער פון דאַך, האָט אבא-חלקיה געפרעגט די חכמים: „נאָך וואָס זייט איהר געקומען?" האָבען זיי איהם געענטפערט: „מען האָט אונז געשיקט צו אייך איהר זאָלט בעטען אויף רעגען". האָט אבא-חלקיה געזאָגט: „געלויבט איז השי"ת אַז איהר דאַרפט ניט אָנקומען צו אונז". האָבען די חכמים געזאָגט: „מיר ווייסען אַז דער רעגען איז געקומען צוליעב דיר. נאָר זאָל אונז דער האַר ערקלערען די זאַכען וואָס זיינען אונז ניט פאַרשטענדליך".

1) פאַרוואָס ווען מיר האָבען דיר באַגריסט, האָסטו אונז ניט געענטפערט?

ווייל איך בין אַ טאָג אַרבייטער, טאָר איך זיך ניט אָפּשטעלען ביי די אַרבייט.

2) פאַרוואָס האָסטו געטראָגען די האָלץ אויף איין אַקסעל, און דיין קלייד אויף דעם אַנדערען אַקסעל?

ווייל דאָס קלייד האָב איך געדונגען אויף דעם באַדינג צו טראָגען אויפ'ן קערפּער, ניט צו טראָגען אויף דעם האָלץ.

3) פאַרוואָס האָסטו ניט אָנגעטאָן דיינע שיך אויפ'ן וועג, נאָר ווען דו ביסט געקומען לעבען וואַסער האָסטו זיי אָנגעטאָן?

ווייל אַ גאַנצען וועג זעה איך וואו איך געה, אָבער אין

וואָסער זעה איך ניט וואו איך געה, און וואָס דאַרטען טוט זיך.

4) פאַרוואָס ווען דו ביסט געקומען ביי די דערנער, האָסטו אויפגעהויבען דיינע קליידער?

ווייל ווען מיין פלייש וועט זיך איינרייסען, וועט זיך דאָס פאַרהיילען, אָבער די קלייד קען זיך ניט מעהר פאַרהיילען.

5) פאַרוואָס ווען דו ביסט געקומען אין שטאָדט, איז דיין פרוי אַרויסגעקומען אַנטקעגען דיר אויסגעפּוצט?

איך זאָל ניט קוקען אויף אַנדערע פרויען.

6) פאַרוואָס איז דיין פרוי פריהער אַריין אין הויז, נאָכער דו, און מיר?

ווייל איך קען אייך ניט, דערפאַר האָב איך אייך ניט אַריינגעלאָזט פריהער.

7) פאַרוואָס ווען דו ביסט געקומען עסען, האָסטו אונז ניט געבעטען עסען?

ווייל איך האָב ניט געהאַט גענוג ברויט פאַר אייך, האָב איך ניט געוואָלט איהר זאָלט מיר זיין אומזיסט דאַנקבאַר.

8) פאַרוואָס האָסטו געגעבען דיין גרויסען זוהן איין שטיקעל ברויט, און דיין קלענערען זוהן צוויי שטיקלאַך ברויט?

ווייל מיין גרויסער זוהן איז אין דער היים אַ גאַצען טאָג, כאַפּט ער עפּעס עסען, אָבער מיין קלענערער זוהן איז אין בית-המדרש אַ גאַנצען טאָג.

9) פאַרוואָס איז דער וואָלקען פריהער אויפגעגאַנגען אין דיין פרוי'ס זייט?

ווייל ווען איך גיב צדקה אַן אָרימאַן גיב איך איהם געלד האָט ער מיה צו געהן קויפען עסען, אָבער מיין פרוי, ווען אַן אָרימאַן קומט צו איהר בעטען עסען, גיט זי איהם גלייך עסען אָהן מיה, דערפאַר איז איהר זכות גרעסער.

(תענית כ"ג).

מען דאַרף זיין אַן אמת'ער צדיק, אַז גאָט זאָל טאָן זיין

ווילען, און איהם געבען אלע מאל גערעכט, און די וועלט זאל פון איהם הנאה האבען (מחבר).

תלמוד

האט דער גאט פון ישראל געזאגט: „איך הערש אויף דעם מענשען. ווער הערשט אויף מיר? דער צדיק, ווייל איך באשליעס און דער צדיק ענדערט דאס" (מו"ק ט"ז:).

ח

תורה

צדיק וישר הוא (דברים ל"ב ד').

משה רבנו זאגט: „דער שטארקער גאט, זיינע טהאטען זיינען פאלקאם, אלע זיינע וועגען זיינען גערעכטע. א באגלויב־טער גאט וואס טוט ניט קיין אומרעכט, ער איז גערעכט און ארענטליך".

רש"י

אפילו גאט איז שטארק, פון דעסטוועגען אז ער באַ־שטראפט די וואס פאלגען איהם ניט, באשטראפט ער זיי ניט מיט צארן נאר מיט רעכט, ווייל זיינע טהאטען זיינען פאלקאם. גאט איז א באגלויבטער צו באצאהלען די צדיקים פאר זייער גוטסקייט, אויף די קומענדיגע וועלט, און אפילו א סך מאל פארשפעטיגט ער מיט זייער באצאהלט, אבער אם ענדע וועט ער דאך גוט מאכען זיינע צוזאגען, און אפילו די שלעכטע, ווען זיי טוען עטוואס גוטעס, וועלען זיי באצאהלט ווערען אויף די וועלט.

אלע מענשען מאכען גאט'ס אורטהיילען אויף זיך גערעכט.

תלמוד

אזוי ווי מען לויבט גאט אויף גוטעס, אזוי דארף מען לויבען גאט ח"ו אויף שלעכטעס (ברכות מ"ח).

דער מענש ווייסט ניט וואָס עס איז גוט פאַר איהם, און וואָס עס איז שלעכט פאַר איהם. עס זיינען דאָ צייטען וואָס איהם דוכט זיך אַז עס איז גוט פאַר איהם, און עס לאָזט זיך גאָר אוים אַז עס איז ניט גוט פאַר איהם. צייטען וואָס דאַכט זיך איהם ,אַז עס איז שלעכט פאַר איהם און עס לאָזט זיך אוים, אַז עס איז גאָר גוט פאַר איהם (מחבר).

תלמוד

פאַרוואָס האָט מען גערופען נחום׳ען: „נחום גם זו״ — — (נחום אויך דאָס), ווייל וואָס עס האָט זיך געמאַכט מיט איהם, האָט ער געזאָגט: „אויך דאָס איז צום גוטען״.

איין מאָל האָבען די אידען געוואָלט שיקען אַ מתנה צום קעניג, האָט מען געזאָגט: „ווער זאָל געהן?״ האָט מען באַשלאָסען אַז נחום-גם-זו זאָל געהן. האָט מען מיט איהם מיטגעשיקט אַ פולען קאַסטען מיט דימענטען, אַ מתנה פאַר דעם קעניג. אין וועג, וואו נחום האָט גענעכטיגט, האָט מען אויפגעעפענט דעם קאַסטען און אַרויסגענומען אַלץ וואָס דאָרטען איז געווען און אָנגעפילט דעם קאַסטען מיט ערד. אויף מאָרגען, ווען נחום האָט געזעהן אַז דער קאַסטען איז פול מיט ערד, האָט ער געזאָגט: „גם זו לטובה״, „אויך דאָס איז צום גוטען״. ווען ער האָט געבראַכט דעם קאַסטען צום קעניג און ווען מען האָט געעפענט דעם קאַסטען, האָט מען געזעהן אַז ער איז פול מיט ערד. האָט דער קעניג געזאָגט: „וואָס איז דאָס! די אידען מאַכען שפּאַס פון מיר?״ האָט ער גע-הייסען אַז מען זאָל נחום׳ען טויטען. האָט נחום געזאָגט: ״אויך דאָס איז צום גוטען״. איז געקומען אליהו דער נביא, פאַרשטעלט אַלס איינער פון קעניג׳ס באַאמטע, און געזאָגט צום קעניג: „פיליייכט איז דאָס די ערד פון די אידענס פאָ-טער אברהם, וואָס ווען ער האָט די ערד געוואָרפען אויף זיינע פיינד איז געוואָרען פון די ערד שווערדען און עס האָט פאַר-

ניכטעט זיינע פיינד. איז געווען א לאנד, וואס דער קעניג האט ניט געקענט איינעמען ביז יעצט, האט מען פרובירט די ערד און מען האט מיט דעם איינגענומען דאס לאנד. האט מען אריינגענומען דעם קאסטען וואס נחום האט מיטגעבראכט און מען האט איהם אנגעפילט מיט דימענטען און פערעל און מען האט אװעקגעשיקט נחומ׳ען מיט גרוים עהרע.

און נחום האט געזאגט: „אויך דאס איז צום גוטען" (סנהדרין ק"ח ק"ט).

איין מאל איז ר׳ עקיבא געגאנגען אין וועג, האט ער געהאט מיט זיך אן אייזעל, א האן און א ליכט. איז ר׳ עקיבא געקומען אויף אן ארט און געזוכט א נאכט לעגער, האבען די שטאדט מענשען איהם ניט געוואלט געבען קיין נאכט-לע־גער. האט ר׳ עקיבא געזאגט: „אלץ וואס גאט טוט איז צום גוטען". איז ר׳ עקיבא געגאנגען און גענעכטיגט אין פעלד. איז געקומען א לייב און אויפגעגעסען דעם אייזעל, און א קאץ האט אויפגעגעסען דעם האן, און א ווינט האט פאר־לאשען דאס ליכט. האט ר׳ עקיבא געזאגט: „אלץ וואס גאט טוט איז צום גוטען". ביינאכט זיינען געקומען רויבער און האבען בארויבט די שטאדט מענשען. האט ר׳ עקיבא געזאגט: „האב איך ניט געזאגט, אז אלץ וואס גאט טוט איז צום גוטען? ווייל ווען די שטאדט מענשען וואלטען מיר געלאזט איבערנעכטיגען, וואלטען די רויבער אויך מיר בארויבט, אדער ווען דער אייזעל שרייט, דער האן קרעהעט, ווען דאס ליכט ברענט, וואלטען דאך די רויבער מיר באמערקט. אזוי האט זיך אלץ אויסגעלאזט צום גוטען" (ברכות ס׳).

ווער ווייסט וואס עס איז גוט פאר דעם מענשען אין לעבען פון זיינע געצעהלטע טעג, וואס ער פארברענגט ווי א שאטען?

ווער קען עס זאגען דעם מענשען, וואס עס וועט זיין נאך איהם אונטער די זון? (קהלת ו׳ י"ב).

רבא האָט געהערט אַז אַ מאַן האָט געבעטען ביי גאָט, ער זאָל איהם באַשערען יענע פרוי. האָט רבא געזאָגט צום מאַן: „דו זאָלסט ניט בעטען ביי גאָט פאַר די פרוי, ווייל אויב זי איז דיר באַשערט, וועט זי ניט אַוועקגעהן פון דיר, אויב זי איז דיר ניט באַשערט, וועסטו איהר ניט ליעבען". אַ צייט שפּעטער האָט רבא געהערט אַז דער מאַן האָט געבעטען, ער זאָל שטאַרבען פריהער, אָדער זיין פרוי פריהער. האָט רבא געזאָגט: „האָב איך דיר ניט געוואָרענט אַז דו זאָלסט ניט בעטען אויף די זאַך" (מו"ק י"ח:).

ט

נביאים ראשונים

ויאמר אל דוד צדיק אתה ממני (שמואל א', כ"ד י"ז).

און נאָך דעם וואָס דער ערשטער אידישער קעניג, שאול, האָט ניט אויסגעפאָלגט די ווערטער פון גאָט וואָס איז צו איהם געזאָגט געוואָרען דורך דעם נביא שמואל, איז שמואל דורך דעם אויפטראָג פון גאָט געגאַנגען צום הויז פון ישי אין בית-לחם און געזאָגט: „גרייט זיך צו מיט דיינע קינדער. אויף מאָרגען וועלען מיר קוילענען שלמים פאַר גאָט". און ווען ישי מיט זיינע קינדער זיינען געקומען און שמואל האָט געזעהן אליאה'ן דעם זוהן פון ישי. האָט שמואל געטראַכט: געווים, דאָ שטעהט פאַר גאָט זיין — געזאַלבטער. אָבער גאָט האָט געזאָגט צו שמואל'ן: „דו קוק ניט אויף זיין געשטאַלט און אויף זיין הויכקייט, דען ניט ווי אַ מענש זעהט, זעהט גאָט, דער מענש קוקט נאָר נאָך די אויגען, אָבער גאָט קוקט נאָך דעם האַרץ".

ישי האָט גערופען זיין זוהן אבינדב און איהם פאַרביי-געפיהרט פאַר שמואל'ן. שמואל האָט געזאָגט צו ישי'ן: „גאָט האָט דעם ניט אויסדערוועהלט". און ישי האָט פאַרבייגעפיהרט

זיין זוהן שמה, און אַלע זיבען זיהן פאַר שמואל'ן. שמואל האָט געזאָגט צו ישי'ן: „גאָט האָט די אַלע ניט אויסדער־וועהלט". שמואל האָט געזאָגט צו ישי'ן: „האָבען זיך שוין געענדיגט דיינע קינדער?" ישי האָט געענטפערט: „עס איז נאָך געבליבען דער אינגסטער". און שמואל האָט געזאָגט: „שיק און ברענג איהם, ווייל מיר וועלען זיך ניט זעצען צום מאָלצייט ביז ער וועט ניט קומען". ישי האָט געשיקט און איהם געבראַכט, און דאָס איז געווען — דוד. ער איז געווען רויט, מיט שעהנע אויגען, און פון גוטען אויסזעהן. גאָט האָט געזאָגט צו שמואל'ן: „שטעה אויף און זאַלב איהם פאַר דעם קעניג אויף ישראל, דען ער איז דאָס". שמואל האָט גענומען דעם האָרן מיט בוימאויל און האָט דוד'ן געזאַלבט פאַר קעניג אויף ישראל. גאָט'ס גייסט האָט זיך געשטאַרקט אויף דוד'ן פון יענעם טאָג און ווייטער. גאָט'ס גייסט האָט זיך אָפּגע־קערט פון שאול'ן. און אַ שלעכטער גייסט פון גאָט פלעגט איהם דערשרעקען. שאול'ס קנעכט האָבען איהם געראַטען, ער זאָל קריגען אַ מאַן, וואָס פאַרשטעהט צו שפּיעלען פידעל, ער זאָל שפּיעלען פאַר איהם, דאָס וועט איהם בעסער מאַכען. שאול האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: „ווען איהר וועט זעהן אַ מאַן וואָס קען גוט שפּיעלען, ברענגט איהם צו מיר". איי־נער פון שאול'ס באַדינער האָט געזאָגט: „איך האָב געזעהן ביי ישי'ן אַ זוהן וואָס קען גוט שפּיעלען און איז פאַרשטענ־דיג אין יעדע זאַך, ער איז אויך פון שעהנעם אויסזעהן, און גאָט איז מיט איהם".

דוד איז געקומען צו שאול'ן און איז געשטאַנען פאַר איהם. שאול האָט איהם געליעבט, דוד איז געוואָרען זיין וואַפען־טרעגער. ווען דער שלעכטער גייסט פון גאָט איז גע־קומען אויף שאול'ן, פלעגט דוד שפּיעלען פאַר שאול'ן, און עס פלעגט שאול'ן ווערען בעסער.

ווען די אידען האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די פלשתים

און דער געוואַלדיגער ריז גלית פון גת, וואָס איז געווען זעקס איילען און אַ שפאַן הויך, האָט געטראָגן אַ קופּערנעם הוט אויף זיין קאָפּ — איז געווען אָנגעטאָן מיט אַ שופּען־פּאַנצער, וואָס האָט פינף טויזענד שקלים קופּער, און אויף זיין שטערען און זיינע פיס האָט ער געהאַט קופּערנע בלעכען, אַ קופּער־נעם שפּיז צווישען זיינע אַקסלען, און די שטאַנג פון זיין שפּיז איז געווען דיק ווי אַ וועבער׳ס האָלץ, און דער קלינג פון זיין שפּיז איז געווען זעקס הונדערט שקל אייזען שווער, און אַ שילד טרעגער איז געגאַנגען פאַר איהם.

דער ריז איז געקומען און געזאָגט צו שאול׳ן מיט די אידען, אַז זיי זאָלען אויסקלייבען אַ מאַן וואָס זאָל האַלטען מלחמה מיט איהם. און אין דער זעלבער צייט האָט ער גע־לעסטערט דעם לאַגער פון ישראל. שאול מיט די אידען האָבען דאָס געהערט, האָבען זיי זיך דערשראָקען און האָבען מורא געהאַט אפילו אַ קוק צו טאָן אויף זיין געזיכט.

און די מענער פון ישראל האָבען געזאָגט: „דער מאַן וואָס וועט דערשלאָגען דעם ריז, וועט דער קעניג איהם רייך מאַכען און איהם אויך געבען זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב”. דוד האָט געזאָגט צו שאול׳ן, אַז ער וועט געהן מלחמה האַלטען מיט גלית׳ן. שאול האָט געענטפערט: „דו וועסט ניט קענען מלחמה האַלטען מיט דעם ריז”, ווייל דוד האָט נאָך אויסגע־קוקט זעהר יונג. האָט דוד געזאָגט צו שאול׳ן: „ווען איך האָב געפּיטערט מיין פאָטער׳ס שאָף, איז אַמאָל געקומען אַ לייב און אויך אַ בער. איך האָב זיי דערשלאָגען און געטויטעט, וועל איך זיכער קענען דערשלאָגען דעם פלשתי, וואָס האָט געלעסטערט די קריעג׳ס העלדען פון לעבעדיגען גאָט, דער זעלבער גאָט וואָס האָט מיר געראַטעוועט פון לייב און בער וועט מיר זיכער באַשיצען פון דעם פלשתי”.

שאול האָט אָנגעקליידעט דוד׳ן זיינע קליידער. ער האָט איהם געגעבען אויף זיין קאָפּ אַ קופּערנעם הוט, און אַ פּאַנ־

צער פאַר זיין קערפּער. דוד איז אָבער ניט געווען געוואוינט צו טראָגען די זאכען, האָט ער דאָס אויסגעטאָן, גענומען זיין שטעקען אין האַנד און פינף גלאַטע שטיינער און זייער שליי־דערער.

ווען דער פלשתי האָט דערזעהן דוד׳ן האָט ער צו איהם געזאָגט: „וואָס! איך בין דען אַ הונט? וואָס דו קומסט צו מיר מיט אַ שטעקען״. דער פלשתי האָט געשאָלטען דוד׳ן ביי זיין גאָט.

דער פלשתי זאָגט צו דוד׳ן: „קום אהער, איך וועל געבען דיין פליישׁ צו די פויגעלאך פון הימעל, און צו די פיה אין פעלד״. דוד ענטפערט: „דו קומסט צו מיר מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז, אָבער איך קום צו דיר אין דעם נאָמען פון גאָט פון ישראל. איך וועל דיר דערשלאָגען און אראָפּנעהמען דיין קאָפּ פון דיר, און אַלע פאַרזאַמעלטע וועלען וויסען דאָס ניט מיט אַ שווערד, ניט מיט אַ שפּיז, העלפט גאָט. דען דער זיג פון מלחמה געהערט צו גאָט, ער וועט אייך איבערגעבען אין אונזער האַנד״. ווען דער פלשתי האָט זיך דערנעענטערט צו דוד׳ן, האָט דוד אַרויסגענומען אַ שטיין, אַ שליידער געטאָן דעם שטיין דעם פלשתי אין שטערען, דער פלשתי איז געפאַלען צו די ערד, דוד האָט געטויטעט דעם מעכטיגען ריז. מיט דעם האָט דוד געהאָלפען דעם אי־דישען פאָלק.

ווען דוד מיט שאול׳ן האָבען זיך צוריקגעקערט אהיים, זיינען די פרויען זיי אנטקעגען געקומען, האָבען געשפּיעלט און געזונגען: „שאול האָט געשלאָגען די פיינד אין די טוי־זענדער, דוד האָט געשלאָגען אין די צעהן טויזענדער״. פון דאַן אָן האָט שאול פיינט געהאַט דוד׳ן. שאול האָט מורא גע־האַט פאַר דוד׳ן, ווייל ער האָט געפיהלט אַז גאָט איז מיט דוד׳ן און ניט מיט איהם. שאול האָט געמאַכט אַ פּאַר פאַר־

זוכען צו טויטען דוד'ן, אָבער עס האָט זיך איהם ניט איינ־געגעבען.

דוד, זעעהנדיג אַז שאול וויל איהם טויטען ,איז אַוועק־געלאָפען פון שאול'ן. שאול האָט אויסגעקליבען דריי טויזענד מאַן נאָכגעלאָפען כאַפּען דוד'ן. שאול איז געקומען צו די שאָף־שטאַלען און איז דאָרטען אַריין אין אַ היול פאַר זיין באַ־דערפעניש. דוד און זיינע מענשען זיינען געווען אין הינטער זייט פון היול. דוד'ס מענער האָבען צו איהם געזאָגט: „זעה! דיין פיינד איז יעצט אין דיינע הענד, טו צו איהם וואָס דו ווילסט".

דוד איז שטילערהייט צוגעגאַנגען צו שאול'ן און אָפּגע־שניטען דעם ברעג פון שאול'ס מאַנטעל, אפילו דאָס האָט דוד'ן נאָכער פאַרדראָסען. ער האָט געזאָגט צו זיינע מענ־שען: „איך וויל ניט וואגען צו טאָן שלעכטס צו דעם געזאַלב־טען פון גאָט". דוד איז אַרויס פון היול, האָט גערופען צו שאול'ן און געזאָגט צו איהם: „דו זעהסט, מיין קעניג, איך האָב דיר היינט געקענט טויטען, נאָר איך האָב מיטלייד געהאַט אויף דיר, ווייל דו ביסט דער געזאַלבטער פון גאָט. זעה! איך האָב אָפּגעשניטען דיין ברעג פון מאַנטעל, די זעלבע צייט האָב איך דיר געקענט טויטען. פאַרוואָס לויפסטו מיר נאָך? איך האָב דיר קיין שלעכטס ניט געטאָן".

ווען שאול האָט דאָס געהערט, האָט ער געוויינט און גע־זאָגט: „דו דוד ביסט גערעכטער פון מיר „צדיק אתה ממני" (שמואל א' ט"ז—כ"ח).

מען קען לערנען פון די געשיכטע:

1) מעג מען זיין ווי גרויס, ווי הערליך (אַזוי ווי שאול איז געווען) אַז מען הערט זיך ניט צו דעם ווילען פון גאָט און מען טוט ניט זיין פאַרלאַנג, אָם ענדע ווערט מען דער אומגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

2) מען דאַרף ניט זיין הויך, שעהן, רייך, צו ווערען גליקליך.

3) מען דאַרף ניט זיין שטאַרק, האָבען פּאַנצערען, שווער־דען, שפּיעזען, צו באַזיגען אַ פיינד.

4) ווען דער אַלמעכטיגער איז מיט דיר, וועט דיר קיינער ניט קענען טאָן קיין שלעכטס.

5) ווען דיין פיינט פאַלט, טו איהם קיין שלעכטס, און פרעה זיך ניט.

6) ווען דו איבערצייגסט זיך אַז יענער איז גערעכט, זאָג דאָס איהם (מחבר).

דאָס זיינען די ווערטער פון גאָט:

„ניט מיט אַן אַרמעע, ניט מיט אַ קראַפט, נאָר מיט מיין גייסט". זאָגט גאָט פון אַרמעען (זכריה ד' ו').

אַזוי האָט גאָט געזאָגט: „דער קלוגער זאָל זיך ניט ריהמען מיט זיין קלוגשאַפט, און דער שטאַרקער זאָל זיך ניט ריהמען מיט זיין שטאַרקייט, און דער רייכער זאָל זיך ניט ריהמען מיט זיין רייכקייט, נאָר מיט דעם זאָל זיך ריהמען דער וואָס וויל זיך ריהמען — דער וואָס פאַרשטעהט און קען מיר אַז איך בין גאָט, וועלכער טוט גוטסקייט, גערעכ־טיגקייט און צדקה אויף דער ערד, ווייל נאָר דאָס וויל איך, זאָגט גאָט" (ירמיה ט' כ"ב).

ווען גאָט איז מיט מיר, שרעק איך זיך ניט — וואָס קען מיר אַ מענש טאָן (תהילים קי"ח ו').

אַז דיין פיינד איז הונגעריג, גיב איהם עסען ברויט, אַז ער איז דאַרשטיג, גיב איהם וואַסער צו טרינקען (משלי כ"ה כ"א).

פרעה זיך ניט ווען דיין פיינד פאַלט, און ווען ער ווערט געשטרויכעלט זיי ניט לוסטיג (משלי כ"ד י"ז).

איין מאָל איז ר' שמואל הנגיד געגאַנגען מיט דעם קעניג אין גאַס, איז זיי אַנטקעגען געקומען אַן אייפערזיכטיגער

אראבער און האט געשאלטען ר׳ שמואל׳ן. דער קעניג איז אין כעס געווארען און געזאגט צו ר׳ שמואל׳ן, וואס איז געווען זיין וויזיר: „ער זאל באפעהלען מען זאל דעם אראבער אויסשניידען זיין צונג״. ווען ר׳ שמואל איז אהיים געקומען, האט ער געשיקט אויספארשען, ווער דער אראבער איז, און וואס ער טוט. מען האט אויסגעפונען, אז ער איז אן ארימער דיכטער מיט א סך קינדער, האט ניט פון וואנען צו לעבען. האט איהם ר׳ שמואל געשיקט איניגע מאל געלד. א צייט שפעטער איז דער קעניג מיט ר׳ שמואל׳ן געגאנגען אין די זעלבע גאס, איז ארוים דער אראבער און געבענשט ר׳ שמואל׳ן. דער קעניג האט זיך זעהר פארוואונדערט און געזאגט צו ר׳ שמואל׳ן: „איך האב דאך דיר באפוילען איהם די צונג ארויסשניידען?״ האט ר׳ שמואל געענטפערט: „ריכטיג, איך האב ארויסגענומען זיין שלעכטע צונג און איהם געגעבען א גוטע צונג״ (תולדות ישראל).

(ר׳ שמואל אבן נגדילה האט געלעבט אין יאהר 993, איז געווען דער נשיא פון די קהלות אין גרנדה, שפאניע, איז געווען דער גרויס וויזיר פון קעניג, האט מחבר געווען די פאלגענדע ספרים: „מבוא-התלמוד״, „בן תהלים״, „בן קהלת״, מען האט איהם גערופען ר׳ שמואל הנגיד).

ווער איז שטארקער פון שטארקע? דער וואס מאכט זיין פיינד פאר א פריינד (אבות דר׳ נתן פ׳ כ״ג).

דאס איז דער בעסטער און שעהנסטער וועג צו מאכען דעם פיינד פאר א פריינד „אויב נאר מעגליך״. אבער ווען דער מענש האט זיך באמיהט און ער האט ניט געהאט קיין ערפאלג, זאל ער אבער פאר קיין פאל ניט פרובירען טאן שלעכטס זיין פיינד (מחבר).

תלמוד

האט געשיקט מר. עוקבא צו רבי אלעזר: „עס זיינען דא מענשען וואס טוען מיר שלעכטס, איך קען זיי איבערגעבען

צו די רעגירונג, זאָל איך דאָס טאָן?" האָט ר׳ אלעזר געענט־פערט: דוד המלך האָט געזאָגט: (תהילים ל"ט) „איך האָב באַשלאָסען צו היטען מיינע וועגען, ניט צו זינדיגען מיט מיין צונג. איך וועל זיך היטען, און וועל טאָן צו מיין מויל אַ צוים, אַזוי לאַנג ווי דער שלעכטער איז געגען מיר". אפילו דער שלעכטער איז געגען מיר, וועל איך טאָן אַ צוים צו מיין מויל. האָט מר. עוקבא געשיקט זאָגען צו ר׳ אלעזר: „די שלעכטע טוען מיר פיעל שלעכטס". האָט איהם ר׳ אלעזר געענטפערט: דוד זאָגט: (תהילים ל"ז ז׳) „וואַרט אויף גאָט׳ס הילף, און האָף צו איהם, וואַרט, און גאָט וועט זיי שטראָפען פאַר דיר. געה פריה און אָווענט אין בית־המדרש און עס וועט פון דיינע פיינד גאָר ניט בלייבען". אַזוי ווי די ווערטער זיינען נאָר אַרויס פון ר׳ אלעזר׳ס מויל, אַזוי האָט מען מר. עוקבא׳ס פיינד גענומען אין קייטען צו דעם געפעגענים (גיטין ז׳).

אויב אַנדערע זאָגען אויף דיר שלעכטס ענטפער זיי ניט, אויב זיי זיינען גרויסע זאָלען זיי זיין ביי דיר אין די אויגען ווי קליינע.

אויב דו האָסט גערעדט שלעכטס אויף אַנדערע, אויב זיי זיינען קליין, זאָלען זיי ביי דיר אין די אויגען זיין ווי גרוי־סע, און בעט זיי איבער. האָב ליעב מענשען און רעספּעקטיר זיי (דרך־ארץ זוטא א׳).

אַז מען גראָבט אַ גרוב אויף יענעם פאַלט מען אַליין אַריין (תהילים ז׳ ט"ז).

אַמאָל האָט געלעבט אַ אידישער דאָקטאָר, וואָס איז געווען באַוואוסט מיט זיין קלוגשאַפט און גוטסקייט אין דער גאַנצער וועלט. דער קעניג פון דעם לאַנד וואו דער דאָקטאָר האָט געוואוינט האָט איהם זעהר ליעב געהאַט און האָט ניט געטאָן קיין זאַך אָהן איהם. דער בישוף, דעם קעניג׳ס גייסטליכער, האָט זעהר פיינד געהאַט דעם אידישען דאָקטאָר, האָט ער געפּרובירט רעדען שלעכטס אויף דעם דאָקטאָר צום

קעניג. דער קעניג האָט זיך אָבער ניט צוגעהערט צו איהם. דער קעניג האָט געהאַט אַן איין און איינציגע טאָכטער, וואָס ער האָט זעהר ליעב געהאַט און געטאָן אַלץ וואָס זי האָט פאַרלאַנגט פון איהם. דער בישוף, וואָס איז געווען דער גייסט־ליכער ערציהער פון קעניג׳ס טאָכטער, האָט פאַרפלאַנצט אַ פיינדשאַפט אין איהר האַרץ צום אידישען פאָלק אין אַל־געמיין, איבערהויפּט צום דאָקטאָר. זי האָט געבעטען איהר פאָטער, ער זאָל דערוויטערען דעם דאָקטאָר פון איהם. אָבער דער קעניג האָט ניט געוואָלט הערען און וויסען פון דעם. דער בישוף האָט איהר איינגערעדט אַז זי זאָל ניט עסען און טרינקען, זיך מאַכען קראַנק, ווען דער קעניג וועט איהר באַזוכען, זאָל זי איהם זאָגען, אַז נאָר צוליעב דעם דאָקטאָר איז זי קראַנק, זי קען איהם ניט אָנקוקען. אַזוי איז געווען, און ווען דער קעניג האָט פּרובירט איהר ערקלערען, אַז דער דאָקטאָר איז זעהר אַ פיינער, גוטער און עהרליכער מאַן, און עס איז אַ זינד איהם צו טאָן שלעכטס, האָט די טאָכטער ניט געוואָלט וויסען פון דעם, און זי איז באַשטאַנען, אַז דער קעניג זאָל אַוועקשיקען דעם דאָקטאָר.

דער קעניג האָט געמוזט נאָכגעבען און אָנזאָגען דעם דאָקטאָר ער זאָל זיך מעהר ניט ווייזען אין הויף. דער קעניג פלעגט זיך אָבער טרעפען מיט איהם אין גאָרטען, קיינער זאָל ניט וויסען.

דער בישוף האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז דער דאָקטאָר זאָל לעבען, האָט ער נאָך אַמאָל געראַטען די טאָכטער פון קעניג זאָל זיך מאַכען זעהר קראַנק, און ווען דער קעניג איז איהר געקומען זעהן, האָט זי איהם געזאָגט: „איך ווייס אַז איך געה שטאַרבען, ווייל מיר האָט זיך גע׳חלומ׳ט זעהר אַ וויכטיגער חלום, פיליכט וואָלט מען געקענט עפּעס העלפען, נאָר איך ווייס אַז דאָס איז אוממעגליך". ווען דער קעניג האָט זיך גענומען בעטען ביי איהר, זי זאָל איהם

דערצעהלען דעם חלום, האָט זי געענטפערט, זי וועט איהם דערצעהלען דעם חלום, נאָר מיט דעם באַדינג אַז ער וועט טאָן וואָס דער חלום זאָגט צו טאָן. דער קעניג האָט ניט געוואָלט צוזאָגען אַזאַ זאַך וואָס ער ווייסט ניט וואָס דאָס איז. נאָר ווען זי איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען מעהר קראַנק, און די דאָקטוירים האָבען איהם געזאָגט, אַז זי איז אין געפאַהר, האָט ער איהר געשוואָרען, אַז ער וועט טאָן אַלץ וואָס זי וועט איהם הייסען. זי האָט איהם דערצעהלט, אַז עס האָט זיך איהר גע׳חלומ׳ט אַז אַ מלאך האָט זיך באַוויזען צו איהר און געזאָגט: „דו וועסט שטאַרבען אויב דער אידישער דאָקטאָר וועט בלייבען לעבען ביז דעם און דעם טאָג”. דער קעניג האָט זיך געבעטען ביי איהר, זי זאָל ניט אומברענגען אַן אומשולדיגען אָרענטליכען מענשען. עס האָט ניט געהאָלפען, זי האָט זיך געהאַלטען ביי איהרם. אַזוי רעדענדיג איז אַריינגעקומען דער בישוף. דער קעניג האָט איהם דעערצעהלט וואָס זי פאַרלאַנגט פון איהם. דער בישוף האָט געענטפערט: „איר פאַרלאַנג איז דער פאַרלאַנג פון גאָט, ווייל אויך צו מיר האָט זיך דער מלאך באַוויזען און געזאָגט דאָס זעלבע”.

דער קעניג, ניט האָבענדיג קיין אַנדער אויסוואַהל, האָט געשיקט זאָגען דעם אידישען דאָקטאָר, אַז אויף מאָרגען פריה זאָל ער זיך מיט איהם באַגעגענען אונטער די שטאָדט לעבען קאַלך אויוועז ניט שפּעטער ווי זעקס אוהר. אין דער זעלבער צייט האָט דער קעניג געשיקט זאָגען צום אויפזעהער פון קאַלך אויוועז, אַז מאָרגען פריה, ווען אַן עלטערער מאַן מיט אַ לאַנגען מאַנטעל און אַ שעהנע ווייסע באָרד וועט צוקומען דאָרטען, זאָל מען איהם גלייך אַריינוואַרפען אין קאַלך אויוועז. ניט קוקענדיג אויף זיינע געשרייען אָדער זיינע ווערטער.

אין דער פריה, צו דער באַשטימטער צייט, איז דער דאָקטאָר אַרויסגעפאָרען זיך באַגעגענען מיט דעם קעניג

אויף דעם באַשטימטען אָרט. עס איז איהם אפילו געווען א וואונדער, וואָס דער קעניג האָט אויסגעקליבען דעם אָרט, נאָר אַז דער קעניג האָט באַפוילען האָט ער גאָרניט פאַר־דעכטיגט. אַזוי פאַרענדיג, איז איהם אַנטקעגען געקומען אַ אידיש אינגעל מיט אַ געוויין: „דאָקטאָר, גאָט האָט אייך געשיקט, מיין מוטער האַלט ביים שטאַרבען, איהר מוזט איהר ראַטעווען". :איך קען ניט געהן מיט דיר, מיין קינד", ענט־פערט דער דאָקטאָר, „איך מוז זיין אין אַ באַשטימטע צייט אויף אַ באַשטימטען אָרט". „ניין, דאָקטאָר, איך וועל אייך ניט לאָזען אַוועק פון דאַנען. מיין מוטער איז אַן אָרימע אלמנה און מיר זיינען פינף אָרימע יתומים, און ווען איהר וועט ניט ראַטעווען אונזער מוטער, וועט איהר אומברענגען זעקס אידישע נפשות", און דער אינגעל האָט זעהר געוויינט. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „ניין, מיין קינד, עס געהט אין מיין לעבען. דער קעניג קען מיר באַשטראָפען מיט דעם טויט, איך מוז געהן, עס טוט מיר וועה איך קען דיר ניט העלפען". דער אינגעל האָט געוויינט און געזאָגט: „ווער זאָגט עס דען, אַז אייער לעבען איז בילכער ווי זעקס אַנדערע לעבענס. געדענקט, דאָקטאָר, איהר זינדיגט". דער דאָקטאָר, ניט קענענדיג פאַרנעמען מעהר דעם אינגעל'ס געוויין, האָט זיך אָנגערופען: „קום, מיין קינד, איך געה מיט דיר, און זאָל זיך זיין וואָס עס איז באַשערט פון גאָט. זאָל דער קעניג טאָן מיט מיר וואָס ער וויל".

דער בישוף האָט זיך זעהר געפרייט, וואָס זיין פיינד דער דאָקטאָר וועט אין דעם געוויסען טאָג פאַרברענט ווערען. די נאַכט פריהער האָט ער מיט זיינע פריינד געטרונקען און אַזוי ווי עס איז געוואָרען פריה, האָט דער בישוף געזאָגט: „איך וועל צופאָרען זעהן מיט מיינע אויגען ווי מען פאַר־ברענט מיין פיינד". ווען דער בישוף איז צוגעקומען צום קאַלך אויווען און דער אויפזעהער האָט געזעהן אַן עלטערען

מאַן, מיט אַ לאַנגען מאַנטעל, און אַ שעהנע ווייסע באָרד, האָט ער איהם אַ נעם געטאָן און אַריינגעוואָרפען אין קאַלך אויוועז, ניט קוקענדיג וואָס ער האָט געשריען, אַז ער איז אַ הייליגער בישוף, און דער קעניג האָט ניט געמיינט איהם.

דער קעניג האָט ניט געקענט שלאָפען אַ גאַנצע נאַכט און איהם האָט זעהר פאַרדראָסען וואָס ער האָט געשיקט אַן אומשולדיגען מענשען צום טויט. צוליעב אַ נאַרישען חלום, און צוליעב אַ פיינדליכען בישוף. אַזוי ווי עס איז געוואָרען טאָג, האָט ער געהייסען פאָרען צום אָרט, פיליכט וועט ער נאָך קענען איהם ראַטעווען, און אויב עס איז שוין שפּעט, וועט ער הערען וואָס ער האָט געזאָגט פאַר דעם טויט. ער האָט איהם זיכער געשאָלטען, פאַרוואָס ניט, האָט ער איהם דען ניט פאַרראַטען? פאַרוואָס קומט דאָס איהם, פאַרוואָס קען איהם זיין גאָט ניט ראַטעווען? אַזוי האָט דער קעניג געטראַכט דעם גאַנצען וועג. ווען ער איז געקומען צום אָרט פון קאַלך אויוועז, איז דער אויפזעהער איהם אַנטקעגען גע־קומען און געזאָגט, אַז ער האָט אויסגעפיהרט זיין באַפעהל.

דער אידישער דאָקטאָר, נאָך דעם וואָס ער האָט זיך אָפּ־געפאַרטיגט מיט די קראַנקע פרוי און איהר געבראַכט צום לעבען, האָט ער זיך געאיילט צום אָרט וואו דער קעניג האָט איהם געהייסען זיין. ער האָט געוואוסט אַז ער האָט פאַר־שפּעטיגט און האָט ערוואַרטעט אַ שטראָף. ווען ער איז צוגעפאָרען צום אָרט, האָט ער דערזעהן דעם קענג שטעהן און וויינען.

„וואָס? דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער איז פאַרברענט", האָט דער קעניג געפרעגט דעם קאַלך אויוועז אויפזעהער. „יאָ, מיין האַר קעניג, ער איז פאַרברענט". „ווער איז פאַר־ברענט, דער מאַן וואָס שטעהט דאָ?" „ניין, ענטפערט דער אויפזעהער, נאָר דער בישוף איז פאַרברענט, דו האָסט מיר געזאָגט אַז אין דער פריה ווען עס וועט קומען אַן עלטערער

מאַן מיט אַ לאַנגען מאַנטעל מיט אַ ווייסע באָרד, דער בישוף האָט דאָס אַלץ געהאַט. האָב איך איהם פאַרברענט".

„אַ דאַנק דעם גאָט פון ישראל, וואָס האָט געראַטעוועט דעם צדיק און באַצאָהלט דעם רשע וואָס איהם קומט", האָט דער קעניג געזאָגט.

דער צדיק ווערט באַפרייט פון אונגליק און דער רשע קומט אנשטאַט איהם (משלי י"א ח').

י

נביאים ראשונים

אנשים רשעים הרגו את איש צדיק בביתו (שמואל ב' ד' י"א).

רכב און בענה האָבען געטויטעט איש-בשת, דעם צווייטען קעניג פון ישראל, און געבראַכט זיין קאָפּ צו דוד'ן, זאָגענדיג צו איהם: „דאָ איז דער קאָפּ פון דיין פיינד".

דוד ענטפערט זיי: „שלעכטע מענשען האָבען געטויטעט אַן אומשולדיגען מאַן (אַ צדיק) אויף זיין בעט, יעצט וועל איך זיין בלוט פאָדערען פון אייך, און איהר ועט אויסגעראָמט ווערען פון די וועלט".

דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון דעם מענשען, דורך אַ מענשען זאָל זיין בלוט פאַרגאָסען ווערען, ווייל אין דעם געשטאַלט פון גאָט איז דער מענש באַשאַפען געוואָרען (בראשית ט' ו').

מדרש

איין ברודער האָט געטויטעט זיין אַנדער ברודער. האָט זייער מוטער גענומען אַ בעכער און אָנגעפילט מיט די בלוט פון געטויטעטען, דאָס געהאַלטען אין שאַפע. אַלע טאָג האָט זי געקוקט אויף דעם, און דאָס בלוט האָט געזאָדען. איין מאָל האָט זי זיך איינגעקוקט, האָט זי געזעהן אַז די בלוט

איז שטיל. האָט זי געוואוסט אַז אין די צייט איז איהר צוויי־טער זוהן געטויטעט געוואָרען (דברים־רבה כ׳).

תלמוד

אַ מאַן איז געקומען צו רבא און געזאָגט צו איהם: „דער הערשער זאָגט צו מיר, געה טויט דעם און דעם, ווען דו טוסט דאָס ניט, וועל איך דיר טויטען". ענטפערט רבא: „בע־סער זאָלסטו געטויטעט ווערען, און ניט טויטען יענעם, ווייל פון וואנען ווייסטו אַז דיין בלוט איז רויטער מעהר ווי יע־נעמ׳ס, פילייכט איז זיין בלוט רויטער מעהר ווי דיינע (פסחים כ"ה ב׳).

בלוט פאַרגיסען מיינט ניט דוקא אַז מען טויטעט יענעם מיט אַ שווערד, מען קען יענעם טויטען מיט: 1) די הענד. 2) מיט די צונג. 3) מיט די פיס. 4) און מיט דעם פנים.

1) מיט די הענד: ווען אַן אָרימאַן קומט בעטען עסען אָדער טרינקען און מען גיט איהם ניט, אָדער מען גיט איהם ניט גענוג, דער אָרימאַן שטאַרבט, אָדער ווערט קראַנק, האָט מען פאַרגאָסען בלוט (מחבר).

תורה

ווען מען וועט געפינען אַ דערשלאָגענעם ליגענדיג אויפ׳ן פעלד, און עס איז ניט באַוואוסט ווער עס האָט איהם דער־שלאָגען, זאָלען דיינע עלטסטע און ריכטער געהן אַהין און זאָגען הויך: „אונזערע הענד האָבען דיעזע בלוט ניט פאַר־גאָסען, און אונזערע אויגען האָבען דאָס ניט געזעהן" (דברים כ"א ז׳).

רש"י

נאָך וואָס האָבען די עלטסטע געדאַרפט זאָגען, אַז זייערע הענד האָבען ניט פאַרגאָסען די בלוט, דענקט דען ווער אַז די עלטסטע פון די ריכטער זיינען בלוט פאַרגיסער? דער

ענטפער איז, זיי האָבען געמיינט מיט דעם: מיר האָבען ניט געזעהן דעם מענשען און איהם ניט געגעבען צו עסען, וואָלטען מיר איהם געזעהן וואָלטען מיר איהם זיכער געגעבען צו עסען. מיר האָבען איהם ניט געזעהן און איהם ניט באַגלייט, וואָלטען מיר איהם געזעהן וואָלטען מיר איהם זיכער באַגלייט" (סוטה מ"ה ב').

דאָס ווייזט אַז מען גיט ניט אַן אָרימאַן צו עסען אָדער מען באַגלייט איהם ניט, איז גלייך ווי מען טויטעט איהם.

תלמוד

אַן אָרימאַן האָט געבעטען צו עסען ביי נחמיה איש שיחין, האָט נחמיה איהם געגעבען געלד ער זאָל קויפען פלייש, ניט קיין הוהן, ווי דער אָרימאַן האָט געבעטען. דער מאַן איז געשטאָרבען. האָט נחמיה געזאָגט: „באַקלאָגט דעם מאַן וואָס נחמיה האָט געטויטעט" (סוף פאה).

ערצעהלונג

אַ חסיד איז געקומען צו זיין רבי'ן איהם בעטען ער זאָל איהם בענשען. „וואָס פעלט דיר, וואָס קען איך טאָן פאַר דיר?" פרעגט איהם דער רבי. דער חסיד ענטפערט איהם: „דעם אמת זאָגענדיג פעלט מיר גאָר ניט. איך האָב גאָט צו דאַנקען אַלץ וואָס איך דאַרף. איך האָב אַ פיינע פאַמיליע, געלד, רעספּעקט פון אַלעמען". „נאָך וואָס ביסטו געקומען?" פרעגט דער רבי. „איך ווייס אַליין ניט", ענטפערט דער חסיד, „מיין געוויסען האָט מיר געזאָגט איך זאָל געהן צו אייך". „אויב אַזוי", זאָגט דער רבי, „הער זיך צו וואָס איך וועל דיר דערצעהלען: מיט יאָהרען צוריק האָבען געלעבט צוויי ברידער, איינער איז געווען זעהר רייך און דער צווייטער אָרים. איז געקומען דער אָרימער צום רייכען איהם געבעטען ער זאָל איהם העלפען, זאָגענדיג: „דו ווייסט אַז איך בין זעהר

אָרים און האָב אַ פרוי מיט פינף קינדער, זיי גייען אויס פאַר הונגער. דו ווייסט אויך, אַז איך בין זעהר אָרענטליך, איך האָב שוין פּרובירט טאָן אַלץ וואָס נאָר מעגליך, אָבער עס געהט מיר ניט, קענסטו מיר העלפען?" „ניין", ענטפערט דער ברודער, „איך זעה ניט ווי אַזוי איך קען דיר העלפען, דו אַליין זאָגסטו, אַז דו האָסט געטאָן אַלץ וואָס נאָר מעגליך און דו האָסט גאָר ניט געמאַכט. דאָס באַווייזט, אַז דו ביסט אַ שלים־מזל. איך זאָל דיר געבען געלד, וועסטו מאָרגען נאָך אַמאָל קומען צו מיר. ניין, גייה דיר געזונטערהייט".

דער אָרימער ברודער איז אַוועק דערשלאָגען, פאַרביטערט. דאָס רעדעלע האָט זיך איבערגעדרייט. דער אָרימער איז געוואָרען רייך, און דער רייכער איז געוואָרען אָרים. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער פריהערדיגער רייכער האָט געמוזט אָנקומען צום ברודער בעטען הילף. דער ברודער האָט גלייך, ניט זאָגענדיג קיין וואָרט, אַרויסגענומען האַלב פון זיין פאַרמעגען און דאָס געגעבען זיין ברודער.

דאָס רעדעלע האָט זיך נאָך אַמאָל איבערגעדרייט. דער אָרענטליכער ברודער איז געוואָרען אָרים און יענער איז געוואָרען רייך. יעצט, טראַכט זיך דער ברודער, איך וועל געהן צו מיין ברודער, יעצט וועט ער מיר זיכער ניט ענטזאָגען, ער קומט דאָך מיר. דער רייכער ברודער זאָגט צום אָרענטליכן: „אמת, דו האָסט מיר געהאָלפען ווען איך האָב געדאַרפט, נאָר איך קען דאָס ניט טאָן, ווייל מיין געלד איז אַריינגעלייגט אין מיינע געשעפטען און איך קען דאָס ניט אַרויסנעמען.

דער אָרימאַן איז אַוועק צובראָכען. פאַר האָרץ ווייטאָג איז ער געשטאָרבען. קומענדיג פאַר דעם „בית־דין של מעלה, דאָס הימעלשע געריכט, ווען מען האָט איהם געפרעגט: „מיט וואָס זאָל מען באַשטראָפען דיין ברודער, וואָס איז געווען דיין מערדער?" האָט ער געענטפערט: „איך וויל ניט מען זאָל

איהם באַשטראָפען. איך וויל נאָר אַז זיין געוויסען זאָל ער־וואַכען״.

דער ענטפער פון בית־דין איז געווען: „אין אמת'ן קומט דיין ברודער טויט שטראָף, ווייל די תורה זאָגט: „דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענשען, זאָל זיין בלוט פאַרגאָסען ווערען״, נאָר אַזוי ווי דו ביסט אַ צדיק, איז צוליעב דיר וועלען מיר פּרובירען איהם זיין געוויסען צו ערוועקען, וועט ער זיך אויפכאַפּען און דערזעהן אויף וואָסער קרומען וועג ער געהט, איז גוט, נאָר אויב ער וועט דאָס ניט טאָן, איז וועה צו איהם״.

„רבי, איהר מיינט דאָס מיר״, האָט אויסגעשריען דער מאַן, „מיין ברודער איז געשטאָרבען פון הארץ וועהטאָג, איך בין דער מערדער. וואָס זאָל איך יעצט טאָן?״

„הער זיך איין, מיין קינד״, זאָגט דער רבי. „דאַנק גאָט וואָס ער האָט דיין געוויסען ערוואַכט, אַזוי לאַנג ווי דו האָסט נאָך די געלעגענהייט צו מאַכען אַביסעל גוט, וואָס דו האָסט פאַרדאָרבען, טו דאָס גלייך. געה און זעה אַז די אלמנה און קינדער פון דיין פאַרשטאָרבענעם ברודער זאָל גאָר ניט פעלען, זעה אַז זיי זאָל ניט זיין ערגער ווי דיין פרוי און קינ־דער. פיליכט וועט דער אַלמעכטיגער האָבען מיטלייד אויף דיר און דיר ניט שטראָפען (אַ חסידישע מעשה).

עס איז דאָ איינער וואָס זיינע רייד שטעכען ווי אַ שווערד (משלי י״ב י״ח).

2) מען קען בלוט פאַרגיסען מיט די צונג.

עס איז געווען אַ פרוי וואָס האָט געוואוינט נעבען אַ פעלד. זיינען איהרע צוויי קינדער געגאַנגען קלייבען אין פעלד. האָט דער מאַן פון פעלד זיי ניט געלאָזט קלייבען. ווען זיי זיינען אַהיים געקומען און האָבען גאָר ניט געבראַכט צום עסען, האָבען זיי אַריינגעלייגט זייערע קעפּ אויף די מוטער'ס שויס

און אַלע דריי זיינען געשטאָרבען. האָט גאָט געזאָגט: „איהר האָט צוגענומען פון מיר קערפּערס, אויך איך וועל איינמאָנען פון אייך קערפּערס (אד״נ ל״ח).

תלמוד

רב חמא זוהן פון חנינא זאָגט:

וואָס מיינט דער פּסוק „טויט און לעבען איז אין די האַנד פון צונג (משלי י״ח כ״א) האָט דען די צונג אַ האַנד? נאָר דער פּסוק וויל דיר זאָגען, אַזוי ווי די האַנד טויטעט, אַזוי טוט אויך די צונג טויטען, די צונג איז נאָך ערגער ווי די האַנד, און ווי אַ פייל, ווייל די האַנד טויטעט נאָר נאָהענט, און די פייל דערגרייכט נאָר ביז פיער און פופציג איילען, אָבער די צונג דערגרייכט אַזוי הויך ווי ביז דעם הימעל און טיעף ביז די ערד (ערכין ט״ו:).

אין ארץ ישראל האָט מען געזאָגט:

פאַרוואָס ווערט גערופען „לשון הרע״ שלעכטע רייד מיט דעם נאָמען „דריטע שפּראַך״ (אין ארמית) ווייל שלעכטע רייד טויטעט דריי:

א) דער וואָס דערצעהלט שלעכטע רייד,

ב) דער וואָס נעמט דאָס אָן,

ג) אויף דעם וואָס עס ווערט דערצעהלט״ (ערכין ט״ו:).

3) מען קען פאַרגיסען בלוט מיט די פּיס. ווען דיין פריינד איז קראַנק און דו געהסט ניט איהם באַזוכען, פאַרגיסטו מיט דעם זיין בלוט.

רב חלבו איז קראַנק געוואָרען. איז רב כהנא אַרוים־געגאַנגען און אויסגערופען: „רב חלבו איז קראַנק״. קיינער איז ניט געקומען, האָט ער געזאָגט צו זיי: „איז דען ניט געווען אַ געשיכטע מיט אַ תלמיד פון ר׳ עקיבא וואָס איז קראַנק געוואָרען. איז ר׳ עקיבא אַריין איהם באַזוכען, ווייל

ער האָט אויסגעקערט. אויסגערייניגט זיין צימער, איז דער תלמיד געזונט געוואָרען. דער תלמיד האָט געזאָגט צו ר׳ עקיבא: „דו האָסט מיר געבראַכט צום לעבען״. איז ר׳ עקיבא אַרויסגעגאַנגען און גע׳דרשנ׳ט: „דער וואָס באַזוכט ניט קיין קראַנקען איז גלייך ווי ער פאַרגיסט בלוט״ (נדרים מ׳).

4) מען קען טויטען אַ מענשען מיט דעם געזיכט.

שמאי זאָגט: „דו זאָלסט אויפנעמען יעדען מענשען מיט אַ שעהן ליכטיג געזיכט״.

לערענט מען פון דעם: „אַז אַ מענש גיט זיין פריינד אַלע מתנות פון דער וועלט און זיין געזיכט איז צאָרנדיג און אַרונטערגעלאָזט צו די ערד, איז גלייך ווי ער האָט איהם גאָר ניט געגעבען (אדר״נ י״ג).

ווען דו וויזט דיין מיט-מענש אַ צאָרנדיג געזיכט, וואָס דאָס מיינט: „דו ביסט אין כעס אויף איהם״, פאַרגיסטו מיט דעם זיין בלוט, די באַליידיגסט איהם און דורך דעם געהט אַוועק זיין בלוט און ער ווערט בלאַס.

ניט נאָר פאַרגיסט אַ מענש יענעמ׳ס בלוט מיט זיין צאָרן, נאָר ער פאַרגיסט זיין אייגענע בלוט און עס מאַכט איהם אומגליקליך, צובראָכען, און עס באַפיינדעט איהם ביי זיין אייגענע פאַמיליע, און ביי מענשען (מחבר).

זאָגט ר׳ שמואל דער זוהן פון נחמני אין נאָמען פון ר׳ יוחנן: „דער וואָס צאָרנט, איז אַלע סאָרטען פון גיהנום הערשען אויף איהם״ (נדרים כ״ב).

האָבען אונזערע חכמים געלערענט: דריי מענשען זיינען זייער לעבען קיין לעבען ניט, איינער פון זיי איז דער וואָס ווערט אַלע מאָל אין כעס (פסחים קי״ג).

וואויל איז דעם וואָס הערט און שווייגט — הונדערטע שלעכטע זאַכען פאַרמיידט ער פון זיך (סנהדרין ז׳).

יא

נביאים

מושל באדם צדיק, מושל יראת אלהים (שמואל ב׳, כ״ג ג׳).

ווען אויף אַ מענשען הערשט אַ צדיק (אַן אָרענטליכער) הערשט ביי זיי דער רעספּעקט פאַר גאָט.

די היסטאָריע איז פול מיט געשיכטעס, אַז ווען דער הערשער איז געווען אַן אָרענטליכער מענש, זיינען זיינע אונטער געאָרדענטע געווען מעהר אָדער ווייניג גאָטס פאַרכ־טיגע מענשען, נאָר וועה, וועה, איז צו די שטאָדט אָדער די געמיינדע, וואָס דער הערשר איז אַ טיראַן, אַ צולאָזענער און שלעכטער. די מענשען פון שטאָדט ווערען אליין צולאָזט און שלעכט און עס פיהרט זיי צום אָפּגרונד.

אויך מיר אידען האָבען געהאַט גענוג צרות פון אונ־זערע הערשער און טיראַנען און מיר זיינען אויסגעשטאַנען געברענטע ליידען פון די רשעים און טיראַנען, אין די לענ־דער וואו מיר האָבען געלעבט (מחבר).

דער ערשטער טיראַן וואָס מיר האָבען געהאַט איז געווען אבימלך דער זוהן פון גדעון. זיין ערשטער אַקט צו קריגען הערשאַפט איז געווען צו טויטען זיינע אייגענע זיבעציג ברידער אויף איין שטיין. עס איז נאָר איבערגעבליבען זיין קליינער ברודער יותם, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטען. ווען די מענשען פון שכם און בית־מלוא האָבען זיך צוזאַמען גע־נומען צו מאַכען אבימלך פאַר קעניג אויף זיי, האָט יותם זיך געשטעלט אויף דעם באַרג גרזים און פאַר זיי אויסגע־שריען דעם פאָלגענדעם שעהנעם און באַלערענדען ביישפּיל:

די בוימער זיינען געגאַנגען זאַלבען אויף זיך אַ קעניג. האָבען זיי געזאָגט צום איילבערט־בוים: „זיי דו קעניג איבער אונז״. דער איילבערט־בוים ענטפערט זיי: „וואָס! איך זאָל אויפהערען געבען מיין פעטקייט, וואָס גאָט און מענשען

עהרען זיך מיט מיר, און איך וועל געהן וואנדערען איבער די בוימער. ניין, איך וועל דאס ניט טאן".

האבען די בוימער געזאגט צום פייגען-בוים: „גיי דו זיי קעניג איבער אונז". „וואס! ענטפערט דער פייגען-בוים, איך זאל אויפגעבען מיין זיסקייט און מיינע גוטע פרוכט, און געהן וואנדערען איבער די בוימער. ניין, איך וועל דאס ניט טאן".

די בוימער זיינען געגאנגען צום וויינשטאק און איהם געבעטען, ער זאל ווערען קעניג איבער זיי. „ניין, ענטפערט דער וויינשטאק, איך וועל ניט אויפגעבען מיינע וויינען וואס דערפרעהען גאט און מענש, און געהן וואנדערען איבער די בוימער".

דאן זיינען די בוימער געגאנגען צום דארן-בוים און איהם געבעטען ער זאל ווערען קעניג איבער זיי. דער דארן-בוים ענטפערט זיי: „אויב מיט ריכטיגקייט איהר זאלבט מיר פאר אקעניג, קומט באשיצט זיך אונטער מיין שאטען. אויב אבער איהר מיינט דאס ניט ערנסט, זאל א פייער ארוים פון דארן-בוים און פארברענען די גרויסע בוימער" (שופטים ט').

די לעהרע פון דעם איז. דער מענש וואס האט אין זיך תורה אדער חכמה אדער מענשליכקייט, וויל ניט ווערען קיין הערשער, ווייל ער וויל ניט אויפגעבען זיין תורה, חכמה און מענשליכקייט. אם ענדע ווערט דער גראבער יונג, דער שלעכטער נאר און אום-מענש דער הערשער, און וואס ווערט פון דעם? ער פארברענט אלץ ארום זיך, ביז ער אליין ווערט פארברענט. אזוי ווי עס האט געטראפען מיט אבימלך'ן. ער האט פארגאסען זעהר פיעל בלוט, ער זאל קענען אנהאלטען זיין הערשאפט, אם ענדע איז ער אליין געטויטעט געווארען מיט שאנדע.

דאס איז דער אומגליק פון די מענשהייט אין אלגעמיין,

און פון דעם יודענטהום באזונדערס, וואס די ארענטליכע מענשען לויפען אוועק פון די פיהרערשאפט. עס זאל ניט און עס טאר ניט זיין אזוי (מחבר).

דער עק פון שלאנג האט געזאגט צום קאפ: „ביז וואנען וועסטו געהן אפריהער". איך וויל געהן אפריהער". „גוט, זאגט דער קאפ, געה דו אפריהער". איז דער עק געווארען דער פיהרער, איז ער געקומען צו א גרוב וואסער און דארטען אריינגעפאלען. איז ער געקומען צווישען דערנער און דארטען דעם קערפער אריינגעשלעפט. וואס האט דאס מיטגעבראכט? ווייל דער קערפער איז נאכגעגאנגען דעם עק ניט דעם קאפ (ילק"ש).

זיי בעסער אן עק צו לייבען, איידער דער קאפ פון פוק־סען (פ"א).

ווי דער פיהרער, אזוי די געפיהרטע (ערכין י"ז).

ווען דער פאסטוך ווערט אין כעס אויף די שאף, גיט ער זיי א בלינדען פיהרער (ב"ק נ"ב).

ווען דער פאסטוך בלאנדזשעט, בלאנדזשען די שאף מיט איהם (פדר"א מ').

ר' גמליאל האט געוואלט מאכען ר' אלעזר־חסמא און ר' יוחנן זוהן פון גדגדא פאר פיהרער, האבען זיי ניט געוואלט. האט ער זיי געשיקט זאגען: איהר דענקט איך וויל אייך געבען הערשאפט, נייז, קנעכטשאפט וויל איך אייך געבען (הוריות י' י"א).

אן ארענטליכער מענש איז ניט קיין הערשער אויף דעם פאלק, נאר א באדינער, און א גוטער פריינד (מחבר).

אז דער הערשער הערט זיך איין צו פאלשקייט, זיינען אלע זיינע מענשען רשעים (משלי כ"א י"ב).

ווען דער שלעכטער הערשט, קרעכצט דאס פאלק (משלי כ"ט ב').

ווען די אויגען זיינען שעהן, דארף מען ניט אונטער־זוכען דעם קערפער. אזוי איז, ווען דער עלטסטער איז גוט, דארף מען ניט אונטערזוכען דאס פאלק, ווייל מן הסתם זיינען זיי אויך גוט (תענית כ״ד).

יב

ולהצדיק צדיק לתת לו כצדקתו (מלכים א׳ ח׳ ל״ב).

שלמה המלך ביים באנייען דעם בית־המקדש בעט ביי גאט: „דו זאלסט גערעכט מאכען דעם צדיק, איהם געבען נאך זיין גערעכטיגקייט״.

תלמוד

מיר האבען געלערענט, מען האט געזאגט אויף בנימין הצדיק, וואס איז געווען דער אויפזעהער איבער צדקה, אז איין מאל איז געקומען צו איהם אין די יונגע יאהרען א פרוי און צו איהם געזאגט: „העלף מיר מיט שפייז״. האט ר׳ בנימין געזאגט: „איך שווער אז אין קאסע פון צדקה איז נאר ניטא״. האט די פרוי געזאגט צו איהם: „אויב דו שפייזסט מיר ניט, וועל איך מיט מיינע זיעבען קינדער אויסגעהן פון הונגער״. האט בנימין איהר מיט די קינדער געשפייזט פון זיין אייגענע געלד. אין א צייט שפעטער איז ער קראנק גע־ווארען און געהאלטען ביים שטארבען. האבען די מלאכים געזאגט צו גאט: „האר פון דער וועלט, דו האסט געזאגט אז דער וואס האלט אויף איין לעבען פון ישראל, איז גלייך ווי ער וואלט אויפגעהאלטען די גאנצע וועלט. און בנימין דער צדיק האט אויסגעהאלטען די פרוי מיט איהרע זיעבען קינדער. זאל ער שטארבען אזוי יונג?״ גלייך האט מען צוריסען זיין אורטהייל און מען האט איהם צוגעגעבען צוויי און צוואנציג יאהר (ב״ב י״א).

עס איז געווען אַ מאַן מיט דעם נאָמען נתן דצוציתא. ער האָט ליעב געהאַט אַ פאַרהייראַטע פרוי מיט דעם נאָמען חנה. זי איז געווען זעהר שעהן. איהר מאַן איז געווען זעהר אָרים. נתן האָט זעהר געגלוסט צו איהר ביז וואַנען ער איז קראַנק געוואָרען. האָבען די דאָקטוירים געזאָגט, אַז ער קען ניט געזונט ווערען ביז וואַנען ער וועט מיט איהר ניט ליגען. האָבען די חכמים געזאָגט, זאָל ער שטאַרבען און מיט איהר ניט ליגען. האָבען די דאָקטוירים געזאָגט: „זאָל זי קומען רעדען מיט איהם". די חכמים האָבען געזאָגט: „ניין". דער־ווייל האָט געטראָפען אַז דער מאַן פון חנה האָט זיך זעהר פאַרשולדיגט און מען האָט איהם אריינגעזעצט אין געפענ־גענים. חנה האָט געאַרבייט זעהר שווער ביטאָג און ביינאַכט און געשפּייזט איהר מאַן. זיצענדיג אַ לאַנגע צייט אין גע־פענגענים, איז איהם פאַר'מיאוס'ט געוואָרען זיין לעבען. איין מאָל, ווען זיין פרוי איז געקומען איהם זעהן, האָט ער געזאָגט צו איהר: „ווען איינער ראַטעוועט אַ לעבען, איז גלייך ווי ער ראַטעוועט די גאַנצע וועלט. בעט איך דיר, געה צו נתן, זאָל ער דיר לייען געלד דו זאָלסט מיר אַרויסנעמען פון גע־פענגענים. האָט חנה געזאָגט: „דו ווייסט אַז נתן איז זעהר קראַנק צוליעב מיר. אַלע טאָג קומען זיינע באַדינער מיר בעטען איך זאָל געהן צו איהם, זיי ווילען מיר געבען אַ סך געלד און איך ענטפער זיי ניט, און ווי אַזוי פאַרלאַנגסטו איך זאָל געהן צו איהם. דו ביסט זיכער אַרונטער פון זינען". און חנה איז אַוועק פון איהם מיט צאָרן.

אַ צייט שפּעטער איז חנה געגאַנגען זעהן איהר מאַן און האָט איהם געפונען זעהר קראַנק. ער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען. ווי ער האָט איהר געזעהן, האָט ער צו איהר געזאָגט: „זאָל זיך גאָט מיט דיר אָפּרעכענען פאַר דעם וואָס דו לאָזסט מיר שטאַרבען, און דו ווילסט ניט מיר ראַטעווען. איך ווייס אַז דו ווילסט איך זאָל שטאַרבען און דו זאָלסט

קענען הייראַטען מיט נתן'ן". האָט חנה געזאָגט: „גיב מיר אַ גט וועל איך געהן צו איהם". האָט דער מאַן געזאָגט: „דאָס איז דאָך וואָס איך זאָג, אַז דו ווילסט הייראַטען מיט נתן'ן. געה פון מיר און זאָל מיר גאָט העלפען". האָט חנה זעהר געוויינט און געזאָגט: „וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַז אַ מאַן זאָל שיקען זיין פרוי זיך צו פאַראומרייניגען". זי איז אַ היים געגאַנגען און נאָכגעקלערט די לאַגע פון איהר מאַן. זי האָט זעהר רחמנות געהאַט אויף איהם. האָט זי באַשלאָסען צו געהן צו נתן'ן. נאָר איידער זי איז געגאַנגען, האָט זי געבעטען ביי גאָט מיט געוויין אַז ער זאָל איהר באַשיצען פון טאָן שלעכטס.

ווען די דינער זיינען געקומען זאָגען נתן'ן, אַז חנה וואַרט אַריינצוקומען, איז ער געוואָרען זעהר פרעהליך און באַפרייט די דינער פאַר גרוים פרייד. ווען חנה איז אַריינגעקומען און נתן האָט איהר געפרעגט וואָס זי פאַרלאַנגט, האָט זי איהם דערציעהלט וואָס עס האָט געטראָפען מיט איהר מאַן און אַז זי וואָלט וועלען ער זאָל איהר לייהען די געלד. האָט ער איהר גלייך געגעבען די געלד. נאָכער האָט ער צו איהר געזאָגט: „איך האָב געטאָן וואָס דו האָסט געוואָלט. יעצט טו דו וואָס איך וויל. דו ווייסט, אַז איך בין קראַנק צוליעב דיר. טו דאָס פאַר מיר און דו וועסט מיר לעבעדיג מאַכען". חנה האָט צו איהם געזאָגט: „איך בין ביי דיר אין די הענד. דו קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט, נאָר געדענק, דו קענסט זיך יעצט קויפען יענע וועלט דורך איין מינוט וואָס עס דאַרף אַ מענשען נעמען צו טאָן גוטס אַ גאַנץ לעבען ,אָבער ווען דו וועסט זינדיגען, וועסטו מיר אומגליקליך מאַכען, איך וועל מעהר מיין גאַנצען לעבען ניט קענען וואוינען מיט מיין מאַן. געדענק די שמערצען און געוויסען-ביסען וואָס וועט דיר פאַרפאָלגען דיין גאַנצען לעבען. פאָלג מיר און שריי אָן אויף דיין שלעכטען געדאַנק און שטאַרק זיך. דער-

פאַר וועט דיר גאָט העלפֿען אַז דו וועסט זיין גליקליך דיי, גאַנצען לעבען". ווען נתן האָט דאָס געהערט, האָט ער גע בעטען ביי גאָט, ער זאָל איהם שטאַרקען, ער זאָל ניט זינ־ דיגען. נתן האָט געזאָגט צו חנה'ן: „געבענשט זאָלסטו זיין צו גאָט, וואָס דו האָסט מיר פאַרמיידט פון צו זינדיגען. געה אַהיים לשלום".

חנה האָט אויסגעלייזט איהר מאַן און איהם דערצעהלט ווי עס האָט געטראָפען מיט איהר, האָט ער איהר ניט גע־ גלויבט און מיט איהר ניט געוואָלט לעבען.

אין אַ צייט אַרום, ווען ר' עקיבא האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער, האָט ער געזעהן ווי אַ מאַן רייט אויף אַ פערד און אַ גרויסע ליכט שיינט אויף זיין קאָפּ. האָט ער געפרעגט זיינע תלמידים ווער איז דער מאַן. האָבען זיי איהם געענט־ פערט: „דאָס איז נתן דער אויסגעלאָסענער". האָט ר' עקיבא געהייסען איהם אַריינרופען. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ר' עקיבא צו איהם געזאָגט: „מיין קינד, אויף דיין קאָפּ שיינט זעהר אַ גרויסע שעהנע ליכט ווי די זון אין מיטען טאָג, דאָס באַווייזט אַז דו וועסט האָבען יענע וועלט. זאָג מיר, וואָס פאַר אַ גוטס האָסטו געטאָן?" ווען נתן האָט איהם דערצעהלט, וואָס צווישען איהם און חנה'ן האָט געטראָפען, האָט זיך ר' עקיבא געוואונדערט, וואָס נתן האָט זיך געקענט איינהאַלטען און ניט זינדיגען. און ר' עקיבא האָט געזאָגט צו איהם: „מיין קינד, דו האָסט געטאָן אַ גרויסע זאַך, דער־ פאַר האָט גאָט אויף דיר געמאַכט שיינען די שעהנע ליכט. דיין באַצאָהלט איז גרויס אויף די וועלט, איבערהויפּט אויף יענער וועלט. מיין ראַטה צו דיר איז, דו זאָלסט זיין יעצט ביי מיר און איך וועל לערנען מיט דיר תורה". אַזוי איז גע־ ווען ביז נתן איז געוואָרען אַ גרויסער לערנער און איז געזעסען נעבען ר' עקיבא. ווען אַמאָל איז חנה'ס מאַן פאַרבייגעגאַנגען דורך די ישיבה פון ר' עקיבא, האָט ער געזעהן ווי נתן זיצט

נעבען איהם. ווען ער האָט געפרעגט, ווי דאָס קומט, האָט מען איהם דערצעהלט די געשיכטע. איז ער אַהיים געגאַנגען און איבערגעגעבטען זיין פרוי פאַרוואָס ער האָט איהר אומזיסט פאַרדעכטיגט. דערפאַר האָט מען איהם גערופען נתן צוציתא. דאָס מיינט נתן וואָס אַ ליכט שיינט אויף איהם. (סדר הדורות מספר מעשיות של ר' ניסים ב"ר יעקב לדונש חתנו) (הוא נזכר במסכת שבת נ"ו).

אַזוי האָט גאָט באַצאָהלט נתן'ן פאַר זיין גערעכטיגקייט.

שמואל און אבלט זיינען געזעסען, האָבען זיי געזעהן ווי מענשען זיינען געגאַנגען אין פעלד. האָט אבלט געזאָגט צו שמואל'ן: „דער מאַן וועט געהן, אָבער ער וועט זיך ניט אומקערען, ווייל אַ שלאַנג וועט איהם בייסען. האָט איהם שמואל געזאָגט: „אויב ער איז אַ ישראל, וועט ער זיך יאָ אומקערען". אַזוי זיצענדיג האָבען זיי זיך אומגעקערט. איז אבלט אויפגעשטאַנען און אַרונטערגענומען פון דעם מאַן זיין פעקעל, האָט מען דאָרטען געפונען אַ צושניטענעם שלאַנג. האָט שמואל געפרעגט דעם מאַן: „וואָס פאַר אַ גוטס האָסטו געטאָן?" האָט איהם דער מאַן געענטפערט: „אַלע טאָג לייגען מיר זיך צוזאַמען אונזערע ברויט פון אַלע אַרבייטער, נאָכער עסען מיר אַלע. היינט איז געווען איינער וואָס האָט ניט געהאַט קיין ברויט, ער וואָלט זיך פאַרשעמט, האָב איך געזאָגט, אַז היינט וועל איך זיין דער וואָס נעמט צוזאַמען די ברויט, ווען איך בין געקומען צו דעם מאַן וואָס האָט ניט געהאַט, האָב איך זיך געמאַכט ווי איך נעם פון איהם, ער זאָל ניט פאַרשעמט ווערען".

האָט שמואל צו איהם געזאָגט: „דו האָסט גערעכטיגקייט געטאָן, האָט דיר גאָט באַצאָהלט און געראַטעוועט דיין לע-בען" (שבת קנ"ו:).

ר׳ עקיבא האָט געהאַט אַ טאָכטער, האָבען צו איהם גע־זאָגט די כלדיים, דעם טאָג ווען זי וועט געהן צו די חופּה, וועט אַ שלאַנג איהר בייסען און זי וועט שטאַרבען. האָט זיך ר׳ עקיבא זעהר געערגערט. אַז עס איז געקומען דער טאָג פון די חופה, האָט זי אַריינגעשטעקט די גאָלדענע נאָדעל פון איהר קאָפּ אין וואַנט, זי האָט מיט דעם געטראָפען אין דעם אויג פון די שלאַנג און זי געטויטעט. ווען זי האָט אַראָפּגענומען די נאָדעל פון די וואַנט, האָט זיך די שלאַנג נאָכגעשלעפּט. ווען איהר פאָטער האָט דאָס געזעהן, האָט ער איהר געפרעגט: „טאָכטער, וואָס האָסטו געטאָן וואָס דו ביסט געראַטעוועט געוואָרען פון טויט?״ האָט זי איהם דער־צעהלט: „ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געווען פאַרנומען מיט דעם מאָלצייט, איז געקומען אַן אָרימאַן און געבעטען עסען. האָב איך גענומען מיין מאָלצייט און איהם געגעבען״. האָט ר׳ עקיבא געזאָגט צו איהר: „גאָט האָט דיר באַצאָהלט פאַר דיין גערעכטיגקייט״ (שבת קנ״ו).

עס איז געווען אַ געשיכטע מיט אַ פרומען מאַן וואָס האָט געגעבען אַ סך צדקה. איין מאָל איז דער פרומער מאַן געפאָרען אויף אַ שיף. אַ שטורם ווינד האָט געטראָנקען די שיף. ר׳ עקיבא האָט דאָס געזעהן, איז ער געקומען פאַר׳ן בית-דין (אידישער געריכט) צו דערצעהלען, אום זיין פרוי זאָל זיין פריי צו הייראַטען. דערווייל איז דער מאַן אַריינגע־קומען און געשטאַנען פאַר איהם. האָט איהם ר׳ עקיבא גע־זאָגט: דו ביסט דאָס דער מאַן וואָס איך האָב דיר געזעהן טרינקען אין ים?״ האָט איהם דער מאַן געענטפערט: „יאָ״. פרעגט איהם ר׳ עקיבא: „ווער האָט דיר אַרויסגענומען פון ים?״ ענטפערט איהם דער מאַן: „די צדקה וואָס איך האָב געטאָן, זי האָט מיר אַרויסגעבראַכט פון ים״. פרעגט איהם ר׳ עקיבא: „פון וואַנען ווייסטו?״ ענטפערט דער מאַן: „ווען איך האָב אַראָפּגעזונקען אין דער טיפעניש פון ים, האָב

איך געהערט אַ גרויסען שטורם פון די וואָלקענס. איין וואָלקען האָט געזאָגט צום אַנדערען: לאָמיר לויפען און ראַטעווען דעם מאַן וואָס האָט געטאָן צדקה זיין גאַנצעם לעבען (אדר״נ פ״ג). אַזוי האָט איהם גאָט באַצאָהלט פאַר זיין גערעכטיגקייט.

אַ דאַנק און אַ לויב השי״ת וואָס האָט מיר געגעבען די געלעגענהייט צו ענדיגען דעם ערשטען טהייל פון „ספר הצדיק ודרך הטוב" אויף תורה און נביאים ראשונים. אַז השי״ת וועט מיר געבען לעבען און די געלעגענהייט, וועל איך אי״ה שרייבען די אַנדערע טהיילען אויף נביאים אחרונים, כתובים, תלמוד, מדרשים, ילקוטים, וכו׳.

אור זרוע לצדיק

מזכרת נצח

לנשמת אבי הנכבד, למדן מופלג ויא"ב מוה"ר הרב ר' **אברהם זישע** זללה"ה ב"ר חיים יוסף ז"ל, נפטר כ"ב שבט תרס"ז ומנוחתו כבוד בטשערנאוויטץ — בוקאווינא.

תנצב"ה.

מזכרת נצח

לנשמת אמי הנכבדה מורת **רבקה** זללה"ה בת הרב ר' **משה** ז"ל, נפטרה ו' שבט תרס"ד ומנוחתה כבוד בביאן בוקאווינא.

תנצב"ה.

מזכרת נצח

לנשמת איש יקר ונכבד יא"ב ר' **אהרן יוסף** ז"ל בן ר' **בן ציון מזיזוויטש**, נפטר כ"ז תשרי בירושלים תובב"א.

תנצב"ה.

ספר

הצדיק ודרך הטוב

דער צדיק און דער גוטער וועג

חלק שני. צווייטער טהייל

מאת

חיים יוסף בארַאז

בלא"א מוה"ר אברהם זישע זללה"ה דור שביעי להרב הג' הצדיק הק' אדמו"ר המפורסם בשם „מוכיח מפאלנאי" זצ"ל.

לפנים רב בצרפת, פלימוטה — מאַס. אגדען — יוטאה, סויט אזאן פאַרק — ניו יאָרק. כעת רבי דהחברה משניות קינגסברידזש הייטס דזשואיש סענטער, בראָנקס, ניו יאָרק.

אלה יעמדו על הברכה

זוגתי היקרה **חיענע מינדיל** בר הרב ר׳ **ישראל ראבינאָוויטץ** הי״ו.

בנותי היקרות **פייגע רבקה**, הי״ו. **חנה פערעל**, הי״ו.

בני היקר **אברהם דובער** הי״ו הוא המריץ אותי לכתוב את הספר.

המה מגזע ה״ג המהרש״א זצ״ל.

יתברכו בכל טוב, אריכת ימים ושנים, עושר ואשר, בכל אשר יפנו יצליחו. מרן די בשמיא יהא בסעדיהון כל זמן ועידן, בימיהם תושע יהודה, וישראל ישכון לבטח. אמן.

כעתירת המחבר.

כל הקרבנות בטלין לעתיד לבוא חוץ מתודה (תנחומא אמור י״ט).

מחזיק טובה לחברו (תדב״א י״ח).

איך וויל ביי די געלעגענהייט גיבען מיין ברכה צו די פיהרער און מעמבערס פון „קינגסברידזש הייטס דזשואיש סענטער״. די חברה משניות, לומדי „משניות, ש״ס, הלכות״, די חברה „לומדי מקרא״, צו אַלע סאָסייעטיס, „יונג און אַלט״ וואָס זיינען אָנגעשלאָסען צום סענטער.

זאָל די ברכה פון אַלמעכטיגען זיין מיט זיי.

מיין ברכה צו די „קהלה בני ישראל פון סויט אזאן פאַרק נ״י און זייערע פיהרער, וואָס איך בין געווען זייער רב פאַר אַ שמטה יאָהרען, פאַר די אמת׳ע פריינדשאַפט וואָס האַלט נאָך אָן בעזהי״ת ביז יעצט.

ברכה ותודה לבבית לכבוד ידידי היקר והנכבד רוצו״ח, רחים ומוקיר רבנן, מר. **שרגא פייזויל** יצ״ו בר׳ **ארי׳ ליב** ז״ל. המכונה „שעררי גאָלדבערג״ הוא עזר לי בהוצאת הספר הזה. מלכא דעלמא יברך אותו ורעיתו הנכבדה בניהם ובנותיהם וכל אשר להם ששון ושמחה וכט״ס ישיגום, ונזכה לגאולה שלמה בב״א.

בעזהי״ש עש״ו.

איך ווייס, אַז עס וועלען זיין מענשען וואָס וועלען גע-פינען פעהלערען אין מיין ספר. זיי וועלען מיר קריטיקירען פאַר פאַרשיעדענע אורזאַכען. צו זיי זאָג איך: רבותי, בעסער קען איך ניט, איך האָב געטאָן דאָס בעסטע וואָס איך קען. איך וועל זיין צופרידען צו לערנען פון אייך.

פילייכט קומט אַריין דער ספר צו אַ מחבר וואָס וועט זאָגען, אַז אַ געוויסער מאמר, מעשה, משל, געדאַנק אין דעם ספר איז זיינס. איהם וועל איך בעטען: זיי מיר דן לכף זכות.

א) עס איז זעהר מעגליך אַז עס איז אמת דיינס, נאָר ווען איך האָב געשריבען, האָב איך ניט געדענקט פון דעם. ווען יאָ, וואָלט איך זיכער געזאָגט „דבר בשם אמרו״.

ב) עס קען אויך מעגליך זיין, אַז איך האָב געשעפּט פון דעם זעלבען קוואַל ווי דו.

ג) אָדער איך בין געגאַנגען אויף דעם גלייכען וועג ווי דו.
ושלום על ישראל.

דער מחבר האָט געמיינט און געשריבען ערנסט און אויפ-ריכטיג. דער מחבר וועט רעספּעקטירען דעם וואָס איז ניט איינשטימיג מיט איהם, נאָר זאָל ער זיין ערנסט און אויפ-ריכטיג.

דער אויער וואָס הערט די לעבעדיגע לעהרע, דער וועט זיין צווישען חכמים (משלי ט״ו ל״א).

אזן שמעת תוכחת חיים, בקרב חכמים תלין.

א

אי זה דרך הטוב ולכו בה, ומצאו מרגוע לנפשכם (ירמיה י' ט"ז). וואָס איז דער גוטער וועג — אַ מענש זאָל אין איהם געהן און געפינען רוהע צו זיין נשמה און קערפער?

בטחון. פאַרזיכערונג.

מיט וואָס קען זיך אַ מענש פאַרזיכערען אַז זיין לעבען און דאָס לעבען פון זיינע ליעבע אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט זאָל זיין גליקליך?

מיט בטחון.

וואָס איז בטחון? עס מיינט:

דער מענש זאָל זיך פאַרלאָזען מיט זיין הארץ און נשמה אויף גאָט.

ער זאָל זיין זיכער ביי זיך, אַז גאָט וועט איהם פיהרען אין גוטען וועג. גאָט וועט איהם באַזאָרגען מיט אַלץ וואָס נויטיג פאַר זיין גוטסקייט.

ער זאָל גלויבען פון טיעפען הארצען און מיט אויפריכטיג־קייט, אַז אַלץ וואָס האָט געטראָפען, אַלץ וואָס טרעפט זיך און אַלץ וואָס וועט זיך טרעפען מיט איהם, איז פון גאָט, און „אַזוי דאַרף זיין, ניט אַנדערש" און „עס איז גוט אַזוי".

ער דאַרף זיך גוט אַריינטראַכטען אין די וועגען פון גאָט, ביז זיין נשמה וועט פיהלען דעם גלויבען און זיכערהייט.

„קען דיין פאָטער'ס גאָט, דיען איהם מיט'ן גאַנצען האַר־צען, און מיט אַ וויליגע נשמה, ווען דו וועסט איהם זוכען, וועט ער זיך צו דיר געפינען". (דוד צו שלמה זיין זוהן, דברי הימים א' כ"ח).

בטחון

איז דאָס שעהנסטע און בעסטע וואָס אַ מענש קען דער־גרייכען אין זיין לעבען, און ווען ער האָט דאָס, איז ער דער גליקליכסטער מענש אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

אזוי ווי דער גוטער נביא ירמיהו (י"ז) זאָגט: „ברוך הגבר אשר יבטח בה', והיה ה' מבטחו". געבענשט איז דער מאַן וואָס פאַרזיכערט זיך אויף גאָט, ווייל גאָט וועט זיין זיין פעסטונג.

דער מענש וועט זיין ווי אַ בוים וואָס איז געפלאַנצט ביים וואַסער און דורך שטראָמען וואַסער וועלען זיך ציהען זיינע וואָרצלען, ער וועט ניט פיהלען ווען די היץ קומט, זיינע בלעטער וועלען אַלע מאָל זיין זאַפטיג, אין אַ טרוקען יאָהר וועט ער ניט זאָרגען, און וועט ניט אויפהערען צו געבען פרוכט.

ב

בטחון

מיינט ניט דער מענש זאָל זיך אָוועקזעצען און גאָר ניט טאָן זאָגענדיג: „איך פאַרלאָז זיך אויף גאָט, ער וועט מיר אריינשיקען וואָס איך דאַרף". ניין, דאָס איז ניט בטחון, דאָס איז פוילקייט.

די תורה זאָגט: „אום דיין גאָט זאָל דיר בענשען, און אַלע דיינע האַנד ארבייט וואָס דו טוהסט" (דברים י"ד כ"ט).

מען דאַרף טאָן און האָבען בטחון אַז השי"ת וועט שיקען די ברכה, אָבער אַז מען טוט ניט, איז ניטאָ אויף וואָס די ברכה זאָל קומען. אויך דער קעניגליכער חכם שלמה זאָגט: „דער וואָס לויפט נאָך לעהדיגקייט, דעם פעלט אַ האַרץ צו דיענען גאָט און האָבען בטחון, מוז מען האָבען אַ האַרץ. אַ פוי-לער האָט דאָס ניט (משלי י"ב י"א).

ווען דו וועסט עסען פון דיין האַנד ארבייט, וועט דיר זיין וואויל און גוט (תהילים קכ"ח ב').

עס איז גרעסער דער וואָס לעבט פון זיין ארבייט, ווי דער וואָס לעבט פון פרומקייט (ברכות ח' הגר"א).

אמת, מען דאַרף זיך ניט איבעראַרבייטען, פּרובירען איינ-

רייסען די וועלט. דאָס איז נוצלאָז. ווי קעניג דוד זאָגט: „עס איז נוצלאָז פאַר אייך, די וואָס שטעהען אויף פריה און זיצען שפּעט, און עסען ברויט מיט זאָרג" (תהילים קכ"ז ב').

דאָס מיינט: מעג אַ מענש אַרבייטען שווער און ביטער, ניט דערשלאָפען, עסען זיין ברויט מיט זאָרג, וועט איהם דאָס ניט העלפען, דאָס וואָס איהם איז באַשערט, דאָס וועט ער האָבען ניט שווער אַרבייטענדיג. דער פריינד פון גאָט, וואָס האָט בטחון, קען זיך שלאָפען וויפיל ער דאַרף, עסען זיין ברויט אָהן זאָרג, נאָר מיט פרייד. און ער וועט זיכער זיין דער זעלבער רייכער אָדער אָרימער, ווי דער וואָס אַרבייט שווער און האָט ניט קיין הנאה פון זיין לעבען, און פון אַלץ וואָס אַרום איהם. „ווייל נאָר די ברכה פון גאָט מאַכט רייך און ברענגט ניט מיט זיך קיין טרויער און שווערע אַרבייט" (משלי י' כ"ב).

ג

בטחון

מיינט ניט, אַז אַ מענש זאָל גערן אָדער שטעהן אין אַן אָרט וואָס עס איז דאָ אַ געפאַר (סכנה), און ער וועט זאָגען: „איך שרעק זיך ניט, גאָט וועט מיר אויסהיטען". ניין. „מען טאָר זיך ניט פאַרלאָזען אויף אַ נס", זאָגען אונזערע חכמים (פסחים ס"ד:).

צוויי מענשען זיינען געגאַנגען אין וואַלד. ווען זיי זיינען געווען טיעף אין וואַלד, האָט איינער געזאָגט: „איך האָב געזעהן אַ לעמפּערט לויפען און טאַנצען צווישען די צווייגען. נאָר מיין הארץ שרעקט זיך ניט, ווייל וואָס קען מיר טאָן דער לעמפּערט, ווען דער האר פון די וועלט איז מיין העלפער? איך וועל ניט אַנטלויפען".

דער צווייטער, אַ קלוגער און פאַרשטענדיגער, ענטפערט

איהם: „דו ביסט נאַריש, איך וועל אַנטלויפען און דו לויף מיר נאָך ווי שנעל דו קענסט, ווייל פאַרוואָס זאָלען מיר באַמיהען גאָט, ער זאָל אונז ראַטעווען פון לעמפערט, ווען מיר קענען מיט אונזערע פיס זיך אַליין העלפען (משל בודהא לבנו).

תלמוד

אַלס איז אין גאָט'ס הענט, נאָר פון קעלט און היץ דאַרף זיך דער מענש אַליין היטען (כת ל'). אַזוי דאַרף זיך דער מענש היטען פון אַלע צרות.

ז

בטחון

מיינט אויך ניט, אַז מען איז קראַנק זאָל מען גאָר ניט טאָן. ניין, די תורה שרייבט: „ער זאָל זיך היילען" (שמות כ"א י"ט). זאָגען אונזערע חכמים: „פון דאַנען לערנען מיר אַז אַ מענש זאָל געהן צו אַ דאָקטאָר זיך היילען" (ברכות ס').

אמת, אונזערע חכמים זאָגען: „קיין מענש קלאַפּט זיך ניט אָן זיין פינגער פון אונטען, סיידען מען רופט אויס אויף אים פון אויבען" (חולין ז':). עס איז איהם באַשערט צו ווערען קראַנק, אָבער ער דאַרף געהן און פּרובירען זיך היילען, ווייל אויך דער אָרענטליכער דאָקטאָר איז געשיקט פון גאָט, דער קראַנקער דאַרף נאָר בעטען ביי גאָט ער זאָל איהם צושיקען דעם גוטען אָרענטליכען דאָקטאָר און דורך איהם זאָל קומען די היילונג.

ח

בטחון

מיינט אויך ניט, אַז אַ מענש זאָל געהן צווישען שלעכטע מענשען און זאָגען, איך וועל זיך פון זיי ניט אָפּלערנען, ווייל איך האָב בטחון. אָדער אַ מענש וועט לאָזען זיינע קינדער

זיך באַפריינדען מיט שלעכטע פאַרדאָרבענע פריינד און זאָגען, איך פאַרזיכער זיך אויף גאָט, אַז מיינע קינדער וועלען זיך ניט אָפּלערנען פון זיי שלעכטס. ניין, דאָס איז ניט דער ריכטיגער וועג. ווי שלמה המלך זאָגט: „דער וואָס געהט אַרום מיט קלוגע ווערט קלוג. דער וואָס איז גוט ברודער מיט שלעכטע ווערט פאַרדאָרבען" (משלי י"ג כ').

זיי האָבען זיך פאַרמישט מיט די פעלקער און האָבען זיך אויסגעלערענט פון זייערע טהאַטען (תהילים ק"ו ל"ה).

בטחון איז אַ גוטע זאַך. נאָר מען דאַרף וויסען ווי זיך מיט דעם באַנוצען.

ד

דער וואָס האָט בטחון, איז ניט גייציג נאָך געלד — „דאָס גרעסטע אומגליק און די העסליכסטע קראַנקהייט פון די מענשהייט".

דער גייציגער מענש זוכט צו פאַרגרעסערען זיין מאַטעריעלען פאַרמעגען. וויפיעל ער האָט, איז איהם ווייניג. ער קוקט ניט פון וואַנען עס קומט, צי דאָס איז כשר פאַרדינט, צי דאָס איז בלוט און שוויים פון אָרימע מענשען. וועה, וועה, בייטאָג רוהט ער ניט, ביינאַכט שלאָפט ער ניט. געפיהל פון גערעכטיגקייט, מענשליכקייט און רחמנות איז זעהר ווייט פון איהם דער „צלם אלקים", די געטליכע געשטאַלט, מיט וואָס דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען, ווערט ביי איהם פאַרפינסטערט און פאַרמוטשעט. ער זעהט גאָר ניט נאָר געלד, געלד. אויף איהם זאָגט שלמה המלך: „דער וואָס איז גייציג צו פאַרמעהרען זיין פאַרמעגען, איז זיכער אַ קאַרגער, זיינע אויגען קענען ניט צוזעהן, אַז זיין האַנד זאָל געבען צדקה, ער נעמט זיך ניט צום האַרצען צו פאַרשטעהן אַז מיט דעם וואָס ער גיט ניט קיין צדקה, קומט אָן אויסצעהרונג אין זיין (מענשליכען) רייכטהום (מצדות משלי כ"ח כ"ב).

א שעהנע געשיכטע האָב איך געהערט פון אַזאַ סאָרט מאַן:

צוויי חסידים זיינען געפאָרען צום רבי'ן. אין מיטען וועג האָט אָנגעהויבען געפעהרליך צו שנעהען. מען האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט זעהן דעם וועג וואו צו פאָרען, עס איז געוועזען שרעקליך קאַלט. זאָגט איינער צום צווייטען: „דאָ ניט ווייט איז דאָ אַ אידישער אַרענדאַר, וואָס איז זעהר רייך און האָט אַ גרויסען הויף. פיליכט וועט ער אונז אַריינלאָזען, און מיר וועלען זיך ראַטעווען פון אַ זיכערען טויט". ענטפערט דער צווייטער: „דו ווייסט דאָך, אַז ער לאָזט ניט אַריין קיין אידען אויף זיין שוועל, און ער איז זעהר שלעכט, פאַרוואָס זאָלען מיר זיך באַמיהען אומזיסט". „יאָ, זאָגט דער ערשטער, איך ווייס דאָס אַלץ, אָבער וואָס וועלען מיר אָנווערען, סיי ווי סיי זיינען מיר פאַרלאָרען. וועלען מיר דאָ בלייבען איבער נאַכט, וועלען מיר איינפרירען צום טויט. לאָמיר שוין פרובירען צופאָרען צו איהם. פיליכט וועט ער דאָך האָבען מיטלייד מיט אונז".

קיין אַנדער אויסוועג האָבען זיי ניט געהאַט, זיינען זיי צוגעפאָרען צום אַרענדאַר. ווי איבעררעאַשט זיינען זיי געווארען, ווען זיי האָבען געזעהן דעם אַרענדאַר עפענענדיג פאַר זיי דעם טויער פון הויף און זיי פאַרבעטען אַריין צו זיך. אין דער זעלבער צייט אַרויסווייזענדיג זיי גרויסע ליעבשאַפט און פריינדשאַפט. ער האָט פון זיי אַראָפּגעצויגען די נאַסע קליידער, געגעבען זיי טרוקענע. ווען ער האָט זיי אויך געבעטען צום עסען, האָבען זיי זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און איהם געפרעגט, ווי קומט דאָס צו איהם, וואָס ער איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי גוט. „מיינע גוטע אידען, אַפריהער עסט און טרינקט און רוהט זיך אָפּ, נאָכהער וועל איך אייך דערצעהלען, ווייל דאָס איז אַ לאַנגע געשיכטע", האָט זיי דער אַרענדאַר געזאָגט. נאָך דעם ווי זיי האָבען אָפּגעגעסען און

זיך אויסגערוהט, האָט ער זיי דערצעהלט: „ווי איהר ווייסט, בין איך זעהר רייך מיט געלד, פעלדער און פאַרמעגען. נאָר דאָס הארץ האָט מיר ניט דערלאָזט צו טאָן מיט דעם עפּעס גוטס. פון קיין צדקה אָדער גמילות חסדים האָב איך ניט געהאַלטען. די גאַנצע וועלט האָט מיר פיינט געהאַט. מיינע ברידער, שוועסטער, שטאָדט מענשען, מיין אייגענע פרוי, פריינד און קינדער האָבען מיר געהאַסט. איך האָב דאָס ניט געפיהלט און פאַרשטאַנען. מיין גאַנצער געדאַנק איז געווען צו מאַכען וואָס מעהר געלד און געלד. איך האָב געגלויבט, אַז איך טו גוט און אַזוי דאַרף זיין. איך האָב אפילו געגלויבט אַלע מענשען רעספּעקטירען מיר.

איין מאָל ביינאַכט חלומ׳ט זיך מיר: איך בין קראַנק. מיינע כוחות לאָזען זיך אויס. איך הער ווי מיין פרוי זאָגט צום עלטערען זוהן, פיליכט זאָל מען ברענגען אַ דאָקטאָר? אַ דאָקטאָר! יעצט ביינאַכט וועט דאָס קאָסטען דריי רובעל, דער פאָטער וועט זיכער זיין אין כעס, וואָס מיר האָבען אויס-געגעבען אַזוי פיעל געלד. ניין, מיר וועלען צו וואַרטען ביז פריה. דערווייל בין איך ערגער און ערגער געוואָרען ביז וואַ-נען איך בין געשטאָרבען.

איך הער, ווי מיין פרוי און קינדער באַראַטען זיך וואָס מיט מיר צו טאָן. דאָס ערשטע דאַרף מען האָבען פאַר מיר תכריכים (קליידער פאַר אַ טויטען). רופט זיך אָן מיין פרוי, מען זאָל צורייסען דעם ליילאַך וואָס איך בין געלעגען אויף איהם און מאַכען פון דעם תכריכים. וואָס! רופט זיך אָן מיין איינגערע טאָכטער, ער איז דאָך שוין טויט, פאַרוואָס זאָלען מיר איבערפיהרען אַ גוטען ליילאַך. נאָך לאַנגע פאַרהאַנד-לונגען איז באַשלאָסען געוואָרען צו נעמען אַ זאַק וואָס ליעגט אין דרויסען און מאַכען פון דעם תכריכים פאַר מיר. מען האָט גענומען אַ וועגעלע, וואָס איך נוץ דאָס אַרויסצופיהרען די מיסט, מען האָט מיר אַרויפגעלייגט אויף דעם און מיט

מיין באַדינער געשיקט אַן שטאָדט מיר צו באַגראָבען. מיין באַדינער מיט מיר זיינען אָנגעקומען אין שטאָדט ביינאַכט, צוגעפאָרען צום גבאי פון חברה קדישה. מיין באַדינער קלאַפּט אָן. „ווער איז דאָרט?" פרעגט דער גבאי. „איך האָב גע־בראַכט דעם און דעם אַרענדאַר צו באַגראָבען", זאָגט מיין באַדינער. „וואָס! צוליעב דעם מיאוס'ן מענשען דאַרפסטו מיר וועקען אין מיטען נאַכט. וואַרט ביז פריה, וועלען מיר זעהן וואָס צו טאָן".

שטעהענדיג מיט דעם וואָגען אין מיטען שטאָדט אַ גאַנצע נאַכט, האָב איך געהערט ווי מענשען פרעגען מיין באַדינער, ווער עס ליגט אין וואָגען. ווען מיין באַדינער האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס בין איך, האָבען די מענשען אויסגעשפּיגען און מיר באַליידיגט. ווען עס איז געוואָרען פריה, די חברה קדישא איז זיך צוזאַמענגעקומען. פרעגט מען ביי מיין באַדינער, ווי פיעל געלד האָט ער מיטגעבראַכט מיט זיך. ווען ער ענט־פערט זיי, אַז פינף און צוואַנציג רובעל, שיסען זיי אויס מיט אַ געלעכטער און מיט כעס זאָגען זיי צו איהם: „נעם דעם עקעלהאַפטען נפש צוריק צו זיין פרוי און קינדער און זאָג זיי, אַז פאַר ווענינער ווי טויזענד רובעל וועלען מיר איהם ניט באַגראָבען" (דאָס אַלץ דערצעהלט דער אַרענדאַר די צוויי חסידים. ער האָט דאָס אַלץ געהערט אין חלום).

מען פיהרט מיר שוין צוריק. ווען מיין פרוי און קינדער דערזעהען מיר צוריק און ווען זיי הערען אַז מען וויל טויזענד רובעל, איז געוואָרען אַ געוויין און אַ געשריי. נאָך לאַנגער באַראַטונג האָבען זיי אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן: מיין באַדינער זאָל מיר אָוועקפיהרען אין אַן אַנדער שטאָדט וואו מען קען מיר ניט און דאָרטען, ביינאַכט ווען קיינער זעהט ניט, זאָל ער מיר אַריינוואַרפען אין דער ווייבערשע שוהל. זיכער ווען אי־דען וועלען זעהן אַ טויטען אידען, וועלען זיי איהם באַ־

גראָבען און מיין פאַמיליע וועט נאָך איינשפּאָרען די פינף און צוואַנציג רובעל.

מען פיהרט מען שוין נאָך אַמאָל אין אַן אַנדער שטאָדט. ביינאַכט ווען קיינער זעהט ניט טראָגט מיר דער באַדינער אַריין אין דער ווייבערשע שוהל און ער אַנטלויפט אַהיים.

אין דער פריה, ווען אַ איד איז אַריינגעקומען און דערזעהן אַ טויטען ליגען אין שוהל, האָט ער געמאַכט אַ געוואַלד און די גאַנצע שטאָדט איז זיך צוזאַמען געלאָפען. מען האָט גענומען קוקען אויף מיר, ביז וואַנען איינער האָט מיר דערקענט. „אָ! דאָס איז דאָך דער שלעכטער אַרענדאַר וואָס איז פון יענעם דאָרף, וואָס האָט זיין גאַנצען לעבען ניט געגעבען קיין צדקה און האָט אַ אידען אויף זיין שוועל ניט אַרויפגעלאָזט". אַזוי! באַשליסט מען מיר צוריק צו פיהרען צו מיין פרוי און קינדער.

מען פיהרט מיר צוריק און מען וואַרפט מיר אַריין אין מיין הויז מיט דעם אויסגעשריי: „האַלט זיך מיט די נבלה".

וואָס טוט מען? קיין טויזענד רובעל וועלען מיין פרוי און קינדער פאַר מיר זיכער ניט געבען. האָבען זיי באַשלאָסען: אַזוי ווי אונטער דער שטאָדט איז דאָ אַן אָרט וואו מען באַגראָבט פערד, הינט און קעץ, וועט מען מיר דאָרטען באַגראָבען. אַזוי האָט מען געטאָן. ליג איך מיר צווישען פערד, הינט און קעץ. נאָר איך דענק, זאָל זיין אַזוי, אַבי מען זאָל מיר לאָזען רוהען. עס נעמט ניט לאַנג, מען קלאַפּט אויף מיין קבר: „דו אַזוינער און אַזוינער, קום פאַר דעם „בית-דין של מעלה" (הימעלישער געריכט) אָפּגעבען דין וחשבון פאַר דיינע טייערע מעשים אויף די וועלט". איך שטעה אויף און דערזעה דעם מלאך. עס וואַרפט מיט מיר פאַר שרעק. איך טראַכט ביי מיר: „ווען איך וואָלט געלעבט, וואָלט איך זיכער געשטאָרבען פאַר שרעק". נאָר איך בין דאָך טויט. געה איך מיט איהם און ציטער מיט אַלע מיינע גלידער. איך געה

און געה. עס נעמט ניט קיין עק. איך פיהל, אז מיינע כחות לאָזען זיך אוים. איך בעט זיך ביים מלאך ער זאָל מיר לאָזען אביסעל רוהען, נאָר ער וויל ניט וויסען פון גאָר ניט. ער שלאָגט מיר שרעקליך און שלעפט מיר מיט געוואַלד, זאָגענ־דיג: „פאַרוואָס האָסטו ניט רחמנות געהאַט אויף אָרימע מידע מענשען וואָס זיינען געקומען קלאַפּען צו דיין טיר? האָסטו זיי זיך געלאָזט אָפּרוהען, האָסטו זיי געגעבען עסען און טרינ־קען?” איך שטעה שוין פאַר דעם בית־דין של מעלה. מען פרעגט מיר: „וואָס האָסטו אויפגעטאָן אויף די וועלט ביי דיין לעבען?” איך ענטפער: „איך האָב געאַרבייט שווער”. פראַגע: „ביסטו צופרידען צו ליגען צווישען פערד, הינט און קעץ? זיי האָבען דאָך אויך געאַרבייט שווער, מיט וואָס ביסטו בעסער פון זיי, וואָס האָסטו אויפגעטאָן מעהר פון זיי?” איך ענטפער: „איך בין צופרידען, אבי מען זאָל מיר לאָזען רוהען”. עס נעמט ניט לאַנג, אַ גאַנצע כאַפּטע פון פערד, הינט און קעץ קומען שרייען: „מיר ווילען ניט דעם מיאוס׳ען נפש צווישען אונז. מיר האָבען געטאָן ביי אונזער לעבען גוטס מיט אונזער אַרבייט. מיר זיינען געווען געטריי צו דעם צוועק וואָס גאָט האָט אונז באַשאַפען. אָבער ער, וואָס האָט ער געטאָן מיט זיין געלד, כח און פאַרשטאַנד, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען, צו דינען די מענשהייט? אנשטאָט צו טאָן גוטס האָט ער דאָס גענוצט צום שלעכטען. ניין, ניין. מיר ווילען איהם ניט צווישען אונז”.

פראַגע: „פילייכט האָסטו דאָך עפּעס גוטס געטאָן אויף די וועלט?”

ענטפער: „איך האָב אויסגעהאַלטען מיין פרוי און קינ־דער מיט אַלעם גוטס”.

דער עלטסטער פון בית־דין גיט אַ זאָג: „מען זאָל ברענ־גען דעם שפּיגעל”. מען ברענגט אַ שפּיגעל. איך קוק און זעה וואָס האָט זיך געטאָן ביי מיין לעבען אין מיין הויז:

1) מיין פרוי גיעהט אַרום אַ גאַנצען טאָג לייִדיג, זי גיעהט פון הויז צו הויז פון איהרע פריינד צו פאַרברענגען די צייט.

2) העלפט מיר שרייען: „מען דאַרף ניט געבען קיין צדקה. מען דאַרף ניט טאָן קיין גוטס צו מענשען".

3) בעט ביי מיר אַלע מאָל וואָס מעהר געלד אויף נייע קליידער, נייע העטס, נייע מעבעל.

4) שלעפּט מיר אַלע נאַכט אויף בעלער און פּאַרטיעס.

5) שרייט אויף די דינסט אַז זי אַרבייט ניט גענוג.

6) זי איז קיין מאָל ניט צופרידען מיט וואָס זי האָט.

7) זי דענקט, אַז זי איז קליגער, שעהנער און בעסער פון אַלעמען אין די וועלט.

איך זעה דאָס אַלץ און מיר עקעלט פון דעם אַלעמען, איך הויב זיך אָן בעטען ביים בית-דין, אַז איך וויל מעהר ניט זעהן. „גוט, ענטפערט דער עלטסטער פון בית-דין, מיר וועלען דיר מעהר ניט ווייזען וואָס דיין פרוי האָט געטאָן און וואָס זי טוט יעצט. אָבער וואָס דיינע קינדער האָבען געטאָן און טוען יעצט מיט דיין געלד, מוזסטו זעהן". „ניין, ניין, שריי איך מיט וועהטאָג, איך וויל ניט זעהן וואָס מיינע טייערע קינדערלאַך טוען. זיי זיינען ניט בעסער פון מיר. פיליכט נאָך ערגער. ניין, איך וויל ניט מעהר זעהן".

ווען מיין פאַמיליע האָט מיר געהערט שרייען פון שלאָף, זיינען זיי צוגעלאָפען און מיר אויף געוועקט.

אַלזאָ, מיינע ליבע אידען, פון דאַן אָן האָט זיך אַלץ ביי מיר געביטען. מיין הויז איז אָפען פאַר יעדען אידען. מיט וואָס נאָר מעגליך העלף איך זיי, די שוהלען, תלמוד-תורה'ס, תלמידי חכמים, צדקה איינשטאַלטען, און אַלץ וואָס איז אידיש און מענשליך, איז יעצט מיין האַרץ און נשמה.

אַזוי האָט דער חלום געמאַכט מיר און מיין פאַמיליע פאַר גוטע מענשען און אמת'ע אידען.

ז

בטחון

מיינט ניט, אַז מען זאָל זיין צופרידען ווען עס גייט גוט, זאָגענדיג: „איך בין זיכער, מיר וועט אַלע מאָל זיין גוט, איך דאַרף ניט זאָרגען".

ניין, דאָס קען פאַרפיהרען דעם מענשען אין זעהר גע־פעהרליכע קרומע וועגען.

1) עס קען זיך איהם דאַכטען, אַז ער איז טאַקע אַ גרוי־סער מיוחס, און ווי באַלד ער איז שוין אַ מיוחס, קומט דאָך איהם כבוד און רעספּעקט פון אַלעמען, אויב איהם דאַכט זיך, אַז איינער האָט איהם ניט אָפּגעגעבען דעם געהעריגען כבוד, ווערט ער שוין יענעם אַ פיינד, און „עבירה גוררת עבירה" (אבות פ"ד). איין זינד שלעפּט צו אַנדערע זינד. און אַזוי קען דאָס איהם פאַרשלעפּען אין טיפען אָפּגרונד. דאָס ערגסטע איז, וואָס ער פיהלט גאָר ניט אַז ער גליטשט זיך אַרונטער פון גלייכען וועג. דאָ רעד איך פון די מענשען וואָס געבען יאָ אַביסעל צדקה און רעספּעקטירען — כלומרשט — זייערע תלמידי חכמים, נאָר וואָס דען, זיי זיינען גרויסע „גרוים האַלטער", „בעלי גאוה" און „עקשנים", איינגעשפּאַר־טע, כבוד זוכערס, און האָבען ליעב מען זאָל צו זיי שמייכלען, צוליעב אַזוינע מענשעלאַך און דורך די רע־בנים וואָס שמייכ־לען צו זיי, איז חרוב געוואָרען אונזער בית־המקדש און אי־דיש בלוט האָט זיך געגאָסען און גיסט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג ווי וואַסער. ניט אומזיסט האָט ר' יוחנן אָנגעהויבען די געשיכטע פון חורבן בית־המקדש מיט די ווערטער:

„אשרי אדם מפחד תמיד, ומקשה לבו יפל ברעה", וואויל איז דעם מענשען וואָס שרעקט זיך אימער, דער אָדער, וואָס זיין האַרץ איז איינגעשפּאַרט, פאַלט אַריין אין שלעכטס (משלי כ"ח י"ד). וואָס איז דען געווען ביי דעם חורבן?

א מאַן פון די דאָזיגע חברה׳לייט האָט געמאַכט א מאָל־צייט און האָט איינגעלאַדען די גרויסע לייט פון ירושלים, אויך די רבנים זיינען געווען אַנוועזענד. ער גיט א קוק ביים טיש, ער זעהט א מאַן וואָס הייסט „בר קמצא״ זיצט ביים טיש. רופט ער זיך אָן: „זעה נאָר זעה, דו ביסט דאָך מיין פיינד, וואו קומסטו צו מיין טיש?״ (דער באַדינער פון דעם חברה מאַן האָט געמאַכט אַן אירטהום. אנשטאט רו־פען א מאַן מיט דעם נאָמען קמצא, האָט ער גערופען א מאַן מיט דעם נאָמען בר קמצא). „געה אַרויס״, זאָגט דער חברה מאַן צו בר קמצא. בעט זיך בר קמצא ביים מאַן: „אַזוי ווי איך בין שוין דאָ, פאַרשעם מיר ניט פאַר די גרויסע לייט און רבנים און טרייב מיר ניט אַרויס, איך וועל דיר באַצאָהלען פאַר מיין עסען און טרינקען״. „ניין״, ענטפערט דער חברה מאַן. בר קמצא בעט זיך ביי אים, ער זאָגט איהם צו, אַז ער וויל באַצאָהלען פאַר א האַלבען (סעודה) מאָלצייט, פאַר דעם גאַנצען מאָלצייט. דער איינגעשפּאַרטער חברה מאַן ענט־פערט, ניין. נעמט אַן בר קמצא׳ן ביי די הענד און פיהרט איהם אַרויס פון הויז.

בר קמצא, טיעף באַליידיגט פון דעם מיאוס׳ן מענשען, און נאָך מעהר פון די רבנים וואָס זיינען געזעסען ביים טיש און האָבען גאָר ניט געזאָגט, איז אַוועק נאָך רוים און גע־מסור׳ט די אידען אַז זיי בונטעווען זיך קעגן רוים. (גיטין נ״ה: נ״ו). אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען דער חורבן ירושלים און דאָס אידישע פאָלק איז אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין דעם גרעסטען אומגליק פון זיין עקזיסטענץ, זיך באַגיסענדיג מיט זיינע אייגענע בלוט ביז היינטיגען טאָג. אַלץ צוליעב די עקשנים, גרוס האַלטער, כבוד זוכער, און צוליעב די שעהנע רע־בנים אונזערע, וואָס פאַר אַביסעל געלד און אַביסעלע כבוד שמייכלען זיך אונטער צו די מיאוס׳ע חברה לייט און זעהען ווי זיי טוען אָפּ אַלעם בייז און שווייגען, געהן צו זייערע

סעודות און זינגען פאר זיי שירות ותשבחות. נאָר צוליעב זיי ליידען מיר ביז היינטיגען טאָג. „רבונו של עולם", האר פון די וועלט, וואו נעמט מען אַ משה רבנו וואָס זאָל צוברעכען דעם „עגל הזהב", דעם גאָלדענעם קאַלב, און זאָל צוטרייבען אונזערע שעהנע „פיהרער-פאַרפיהרער", די גרויסע רעבנים, וואָס „מעשיהן כמעשה זמרי ומבקשין שכר כפנחס" (סוטה כ"ב:). זייערע טאַטען זיינען מיאוס'ע און זייער פיהרונג איז וואולגאַר, ביליג און זיי שרייען: „גיב אונז כבוד און געלד, ווייל מיר זיינען רע-בנים, גרויסע און שעהנע מענשעלאך". וועה, וועה, אַז די חברה מיט זייערע פריינד כאַפּען אַריין אין זייערע הענד די שוהלען, צדקה אַנשטאַלטען, און ווערען קהל פאַרזאָרגער. „היט מיר גאָט פאַר מיינע פריינד, פאַר מיינע פיינד וועל איך מיר אַליין היטען", מיט דעם אידיש ווערטעל מיינט מען זיי. ווען וועט דער אידישער פאָלק אויסגעלייזט ווערען פון די כאַפּטעס? הלואי במהרה בימינו, אמן.

ניין, ליעבע אידען, דאָס איז ניט בטחון. אַ מענש דאַרף זאָרגען און אין זינען האָבען וואָס ער טוט, און ניט זיין זיכער ביי זיך אַז ער איז אַ מיוחס, אַפילו אַז ער האָט געלד און טוט גוטס. באַרעכען זיך מענש: גיסטו טאַקע גענוג צדקה נאָך דיין פאַרמעגען נאָך?"

ביסטו זיכער: „אַז דו ביסט קליגער, בעסער, פאַרשטעהנדיגער, ווי אַלע אַרום דיר?"

ביסטו זיכער: „אַז דו מעגסט צוברעכען, צושטערען אַלץ וואָס איז הייליג, טייער ביים פאָלק?"

די גמרא דערציהלט:

ר' יוחנן בן זכאי האָט געריטען אויף אַן אייזעל. אַרוםגעהענדיג פון ירושלים מיט זיינע תלמידים האָט ער דערזעהן אַ פרוי קלייבט גערשטען פון די מיסט פון אַראַבישע בהמות.

ווי די פרוי האָט איהם דערזעהן, האָט זי געזאָגט צו איהם: „רבי, שפּייז מיר". פרעגט ר' יוחנן: „טאָכטער, ווער ביס־טו?" זי ענטפערט איהם: „איך בין די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון". האָט ר' יוחנן געזאָגט: „טאָכטער, וואו איז די געלד פון דיין פאָטער?" האָט זי צו איהם געזאָגט: „פלעגט מען דען ניט זאָגען אין ירושלים, ווער עס וויל אַז זיין געלד זאָל זיך האַלטען, זאָל ער געבען צדקה און טאָן מיט דעם גוטס?" פרעגט ר' יוחנן: „וואו איז די געלד פון דיין שווער?"

זי ענטפערט איהם: די געלד פון מיין שווער, האָט זיך אויסגעמישט מיט מיין פאָטער'ס געלד און עס איז פאַרלאָרען געגאַנגען". זי זאָגט: „געדענקסטו, רבי, ווען דו האָסט אונ־טערגעשריבען מיין כתובה?" רופט זך אָן רבי יוחנן צו זיינע תלמידים: „איך געדענק, ווען איך האָב אונטערגעשריבען די כתובה פון די פרוי, האָב איך געלייענט, טויזענד מאָל טויזענד גאָלדענע דינרים פון איהר פאָטער, אַ חוץ פון איהר שווער". ר' יוחנן האָט געוויינט און געזאָגט: „וואויל איז אייך, אידען, אין דער צייט וואָס איהר טוט דעם ווילן פון גאָט, קען קיין פאָלק און קיין שפּראַך ניט הערשען אויף אייך. אָבער אין דער צייט וואָס איהר טוט ניט דעם ווילען פון גאָט, גיט ער אייך איבער אין די האַנד פון אַ נידעריג פאָלק, און ניט נאָר צו זיי, נאָר אין האַנד פון די בהמות פון אַ נידעריג פאָלק".

די פראַגע איז געפרעגט געוואָרען אין בית־המדרש: „האָט דען נקדימון בן גוריון ניט געטאָן קיין צדקה? מיר האָבען דאָך געלערענט: ווען ער פלעגט געהן פון בית־המדרש האָט מען אויסגעשפּרייט אַ זיידענעם טעפּיך און אָרימע לייט פלעגען געהן אונטער איהם און דאָס צונעמען".

דער ענטפער איז געווען:

1) ער האָט דאָס געטאָן צוליעב כבוד.

2) ער האָט ניט געטאָן גענוג נאָך זיין רייכטהום. (כתובות ס"ו).

עס איז די מיינונג פון די מעהרהייט פון די מענשהייט, אז מאַטעריעלע רייכטהום ברענגט גליק און צופרידענהייט, נאָר דער אמת איז אז אין וויינינגע אויסנאָם פעלע ברענגט דאָס אומגליק און צו אַ מיאוס'ען לעבען. ניט אומזיסט האָט גע־בעטען אגור בן יקה (משלי ל' ח') „אָרימקייט און רייכטהום גיב מיר ניט, גיב מיר נאָר מיין טאָג טעגליכען באַדערפעניש". אַם ענדע ווערט סיי ווי סיי גאָר ניט פון די גאַנצע האָרעוואַניע און שפּאָרעניש, ווייל מען נעמט גאָר ניט מיט זיך מיט, און דאָס וואָס מען לאָזט איבער פאַר קינדער, זעהר אָפט ווערט דאָס שנעל צורינען, אַזוי ווי מיר זעהען פון די טאָכטער פון נקדימון בן גוריון. עס ווערט אויך דערצעהלט: אַ מאַן איז געקומען צו אַ רב און איהם געזאָגט: „איך וויל מען זאָל מיר מיטגעבען מיין גאַנצען פאַרמעגען אין קבר אריין". „פאַר־וואָס?" פרעגט דער רב. „ווייל איך גלויב אין (תחית המתים) אז די טויטע וועלען ווערען לעבעדיג, און אויך איך וועל אויפשטעהן איין יאָהר נאָך מיין טויט, וועל איך זיכער שוין ניט געפינען קיין איין פרוטה, ווייל מיין פרוי און קינדער וועלען שוין פון דעם מאַכען צו גאָר ניט אין דעם יאָהר." ענטפערט איהם דער רב: „אויב דו האָסט אַזאַ פרוי און קינדער, דאַרפסטו שוין ניט זאָרגען, ווייל דו וועסט אפילו קיין תחית המתים ניט אויפשטעהן". דער אמת'ער גליקליכער רייכטהום איז „גייסטליכער רייכטהום". ווי עס ווערט דער־צעהלט: אַ סך קויפלייט זיינען געפאָרען אויף אַ שיף. יעדער פון זיי האָט געהאַט מיט זיך געלד און וואַרע, נאָר איין מאַן איז געווען וואָס האָט מיט זיך גאָר ניט געהאַט. די קויפלייט האָבען איהם געפרעגט: „וואו איז דיין געלד און וואַרע?" האָט ער זיי געענטפערט: „מיינע וואַרע איז גרעסער ווי

אייערע״. האָבען זיי געלאַכט פון איהם און איהם גערופען (בטלן לעדיג געהער). אין אַ שעהנעם טאָג איז די שיף באַפאלען געוואָרען פון שיף רויבער און זיי האָבען צוגענומען אַלץ וואָס די קויפלייט האָבען געהאַט מיט זיך, אפילו זייערע קליידער האָבען זיי אָראָפּגענומען פון זיי. אָנקומענדיג אין אַ שטאָדט, נאַקעט און אָרים, דער מאַן וואָס האָט געזאָגט אַז זיין וואַרע איז גרעסער, איז געגאַנגען אין שוהל, און ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז ער איז אַ גרויסער תלמיד חכם, האָט מען איהם אויפגענומען מיט גרוים כבוד. ווען די קויפלייט האָבען דאָס געזעהן, זיינען זיי צו איהם געקומען און געזאָגט: „יעצט זעהען מיר אַז די וואַרע וואָס דו האָסט געהאַט איז אַ סך בעסער פון די וואַרע וואָס מיר האָבען געהאַט מיט זיך״ (מדרש תנחומא תרומה).

„לזכר עולם יהיה צדיק״. „צום אייביגען אָנדענק זאָל זיין דער צדיק״. איך נעם דאָ די געלעגענהייט צו דערמאָנען אַן אויפריכטיגען אמת׳ען אָרענטליכען צדיק וואָס האָט מיט מיר געטאָן חסד, (דאָס איז הרב ה״ג החכם מחנן בלב־טוב ר׳ ישראל לעווי זצ״ל הרב הראשי לארץ צרפת) ווען מיט מיר האָט געטראָפען די זעלבע זאַך. ווען איך האָב פאַרלאָזען ארץ־ישראל תר״פ, זיינען מיט מיר געפאָרען אַ סך קלוגע מענשעלאַך, וואָס האָבען פון מיר געלאַכט און מיר גערופען בטלן, קומענדיג קיין פראַנקרייך בין איך אָרויף צו דעם גוטען רב, ער האָט מיר אויפגענומען מיט ליעבע און כבוד, און אין גיכען מיר באַזאָרגט מיט אַ שטעלע וואָס בעזהי״ת האָב איך נאָך געהאַט די געלעגענהייט צו העלפען די וואָס האָבען מיר גערופען בטלן. דער גוטער רב האָט נאָר פאַרלאַנגט פון מיר, איך זאָל אויפנעמען יעדען אידען מיט ליעבע און רעספּעקט, אַזוי ווי ער האָט מיר אויפגענומען״. זאָל זיין אָנדעק געבענשט זיין. ו׳ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

ח׳

דער וואָס האָט בטחון אין גאָט

בוקט זיך ניט און שמייכעלט קיינעם ניט. נאָר רעספּעקטירט דעם וואָס קומט, „ניט פאַר געלד אָדער שרעק״, ווייל דער וואָס האָט בטחון שרעקט זיך ניט פאַר קיין מענשען. אַזוי ווי מרדכי היהודי האָט זיך ניט געשראָקען פאַר המן׳ען. מרדכי ווערט גערופען ביים אידישען פאָלק „צדיק״. פאַרוואָס ?

1) ווייל ער האָט זיך ניט געבוקט צום שלעכטען, האָט יענער געמעגט זיין ווי מעכטיג און גרויס.

2) ווייל ער האָט מיט זיין גאַנצען האַרצען און נשמה געגלויבט, אַז זיין פאָלק וועט געהאָלפען ווערען, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו אסתר׳ן: (רוח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר) „הילף און רעטונג וועט קומען פאַר די אידען פון אַן אַנדער אָרט, ווען זי וועט ניט העלפען, אָדער זי וועט פאַרלאָרען געהן״. דער מענש וואָס העלפט ניט זיין פאָלק, וועט און מוז פאַרלאָרען געהן, און ער שלעפט נאָך מיט זיין גאַנצע פאַמיליע אין דער וויסטעניש (אַזוי ווי קורח). אָבער דאָס אידישע פאָלק וועט ניט אונטערגעהן אפילו אָהן איהם.

3) ווייל מרדכי איז געווען באַליעבט ביי די מעהרהייט פון זיינע ברידער. אַזוי ווי ר׳ חנינא בן דוסא זאָגט: „דער מענש וואָס איז באַליעבט ביי מענשען, איז אויך באַליעבט ביי גאָט״ (פ״א ג׳). פרעגט זיך: „פאַרוואָס עפּעס איז מרדכי געווען באַליעבט נאָר ביי די מעהרהייט פון זיינע ברידער, פאַרוואָס ניט ביי אַלעמען, ער האָט דאָך געטאָן זעהר פיהל גוטס ?״ (ורצוי לרוב אחיו, ולא לכל אחיו (מגילה ו„ :). שלמה המלך זאָגט (משלי ט״ז ז׳): „ווען גאָט איז געפעלען אַ מענשען׳ס אויפפיהרונג מאַכט ער זיינע פיינד זאָלען מיט איהם פריעדען שליסען״. פרעגט זיך: „אויב דער מענש

איז טאקע אזוי גוט, אז גאט האט איהם ליעב, נאך וואס דארף ער גאר אין גאנצען האבען פיינד, אז זיי זאלען מיט איהם שלום מאכען?" די גמרא זאגט (כתובות ק"ה): „דער תלמיד חכם וואס די שטאדט מענשען האבען איהם ליעב, איז ניט ווייל ער איז זעהר גוט, נאר ווייל ער שטראפט זיי ניט אין גאט'ס זאכען".

די נאטור פון מענשען איז, ווען דו גיסט איהם גערעכט אין אלץ וואס ער טוט, דו שמייכעלסט איהם, דו זאגסט, אז ער איז קלוג, שעהן און גוט, איז ער דיר א פריינד. נאר ווען חס ושלום דו ווייזסט איהם אז ער איז גאר ניט אזא חכם, ניט אזא שעהנער איד ווי ער דענקט, ער איז גאר ניט אזוי גוט ווי איהם דאכט זיך, דאן מעגט איהר שוין זיין זיכער, אז ער וועט אייך קיין פריינד ניט זיין.

דער ערענטליכער תלמיד-חכם וועט אבער אויף דעם ניט קוקען. ער וועט זאגען דעם וואס מען דארף, וואס ער דענקט וועגען איהם און וועגען זיינע טהאטען. פארשטעהט זיך, אז דעם תלמיד-חכם וועט ער שוין האבען פיינד.

די תלמידי חכמים וואס אלע האבען זיי ליעב, איז דאס א צייכען אז זיי זיינען ניט ערענטליך, ווייל דאס צייגט דאך, אז זיי שמייכלען זיך צו זייערע בעלי-בתים וואס זאלען אבער טאן די אמת'ע תלמידי-חכמים, וואס ווילען זיין ערענטליך און זאגען דעם אמת, נאר זיי שרעקען זיך, זיי וועלען מאכען פיינד? אויף דעם ענטפערט „דער קליגסטער פון אלע מענשען": „דו תלמיד-חכם, זיי ערנסט און אויפ-ריכטיג טו דיין פליכט. שרעק זיך ניט אז דו וועסט מאכען פיינד, ווייל ווען די ערענטליכע מענשען וועלען איינזעהן אז דו ביסט אויפריכטיג און דיינע וועגען זיינען איינשטימיג מיט גאט'ס געבאטען, וועלען דיינע פיינד מיט דיר פריעדען שליסען. נאר אויב עס וועט זיך געפינען ניט ערענטליכע, פארדארבענע מענשען וואס האבען פיינד דעם אמת און זיי

וועלען דיר ניט ליעב האָבען, מאַכט דאָס ניט אויס, ווייל פון דיינע פיינד וועט מען זעהן אַז דו ביסט אָרענטליך. „זאָג מיר ווער דיינע פיינד זיינען, וועל איך דיר זאָגען ווער דו ביסט".

דערפאַר ווערט געזאָגט אויף מרדכי'ן: ער איז געווען באַליעבט נאָר ביי די מעהרהייט פון זיינע ברידער, ווייל ער האָט געשטראָפט און געזאָגט דעם אמת, זיך ניט געבוקט און ניט געשמייכעלט קיינעם, דערפאַר האָט ער אַלע מאָל געהאַט אַביסעל פיינד, אָבער די מעהרהייט דערקענט, סוף כל סוף, ווער עס איז דער אמת'ער מענש, וואָס פאָדערט גוטס פאַר זיין פאָלק, און רעדט שלום צו אַלע זיינע מיט מענשען, און דאָס פאָלק ערקענט איהם אַלס איד און צדיק, אַזוי ווי מרדכי.

ט

אַ דרשה פון מחבר, געהאַלטן אין שוהל „בני ישראל אָף סויט אָזאָן פּאַרק", פרשה בלק תרצ"ט

אראנו ולא עתה אשורנו ולא קרוב (במדבר כ"ד י"ז).

איך זעה איהם, אָבער ניט יעצט, איך קוק אויף איהם אָבער ניט שנעל.

ווירדיגע ברידער און שוועסטער פון ישראל.

עס איז יעצט אַ ביטערע פינסטערע צייט פאַר אונזער פאָלק, עס איז (מחוץ תשכל חרב, ומחדרים אימה (דברים ל"ב) „אין דרויסען טוט דאָס שווערד פאַרניכטען, און אין די צי־מערען איז שרעקליך, אַלטע און יונגע, מענער, פרויען, קיי־נעם לאָזט דאָס ניט אויס". די ווילדע אוממענשליכע רשעים באַנדיטען פון היטלער לאַנד ימ"ש, האָבען זיך פאַרנומען ניט נאָר צו רואינירען, פאַרניכטען און אומברענגען דאָס אידישע פאָלק פון זייער לאַנד, מיט שרעקליכע רציחות און מיט ברוּ־טאַלע אוממענשליכקייט, אַז די בלוט גליווערט אין די אָדערען, הערענדיג די גרוילטאַטען וואָס די מערדער טוען, נאָר די מיאוסע באַנדיטען האָבען זיך פאַרנומען (להשמיד להרג ולאבד את כל

היהודים מנער ועד זקן טף ונשים) צו פארניכטען, אומברענגען אלע אידען פון דער גאנצער וועלט, גרויס און קליין, מאן און פרוי, זיי באנוגענען זיך ניט מיט היטלער לאנד אליין ימש״ו, נאר זיי גיסען און פארשפרעהטען זייער טויטליכען גיפט איבער דער גאנצער וועלט (בכל יום ויום קללתו מרובה משל חברו (סוטה מ״ט). טאג טעגליך זיינען די צרות און יסורים מעהר ווי פון די פארגאנגענע טעג.

העכער דריי מיליאן פון אונזערע ברידער לעבען ווי אין א ברענענדיגען גיהנום, אין היטלער לאנד און אין פוילען איין מיליאן פון אונזערע ברידער שטעהען אויס טאג טעגליך געברענטע צרות אין רומעניע, אונגארן, סלאוואקיע. אפילו דאס לאנד פון אונזערע עלטערען, וואו אונזער פאלק האט אריינגעלעגט פאר די לעצט 40 יאהר בלוט און שוויים און שווערע מיליאנען דאלאר, אויף דעם צוזאג פון מלכות־אנגליא, און די פעלקער בונד, אז דאס וועט באלאנגען צו אונז, דאס לאנד וואס מיר האבען געהאפט און געמיינט אז דא וועט מען אונז לאזען רוהען. אין דעם לאנד האבען אונזערע ברידער אויסצושטעהן יסורים און צרות פון די טייערע מושלים די ענגלענדער, און פון אונזערע ליעב הארציגע קאזינס, די אראבער. אפילו דא אין דעם לאנד פון פרייהייט איז דא פון געוויסע עלעמענטען א שנאה צו אונז, און מיר שטעהען פארנאפטע און וואונדערען זיך „וואס וועט ברענגען דער מארגענדיגער טאג?״

שומר מה מלילה, שומר מה מליל (ישעיה כ״א י״א).

דאס שרעקליכסטע פון די שרעקליכקייט איז וואס מיר אידען הויבען אליין אן צו פארצווייפלען און פארלירען האפענונג, דענקענדיג אז די טיפע אומגליקליכע פינסטערניש וועט אזוי בלייבען. אבער ניין, ניין, טויזענד מאל ניין. מיר מוזען ניט און טארען ניט פארלירען מוטה און האפענונג פאר א שענערע, בעסערע, ליכטיגערע און איידעלע מענשהייט.

נצח ישראל לא ישקר ולא ינחם (שמואל א׳ כ״ט).

דער אלמעכטיגער שטארקער גאט פון ישראל וועט ניט ליגען זאגען און וועט ניט ענדערען זיין באשלוס, וואס ער האט אונז צוגעזאגט דורך זיין נביא (ישעיה נ״ד ח׳) „אויף א קליינע ווילע האב איך דיר פארלאזען. מיט א פארפלייצונג פון צארן האב איך פאר א ווילע פארבארגען מיין געזיכט פון דיר, אבער מיט אייביגע ליעבע וועל איך זיך דערבארעמען איבער דיר, דיין אויסלעזער גאט״. מיר דארפען זיך גוט פארטיעפען אין די ווערטער פון פרינץ פון אונזערע נביאים, וועלען מיר פיהלען אז די צייט וועט קומען מיר וועלען הערען די אלמעכטיגע שטימע, וואס וועט אויסדונערען „האלט צוריק דיין שטימע פון וויינען און דיינע אויגען פון טרערען, ווייל עס איז פאראן א באצאהלט פאר דיין ארבייט, זאגט דער אלמעכטיגער, און עס איז פאראן האפענונג פאר דיין צוקונפט״ (ירמיה ל״א ט״ו). אמת, ישראל, דו זאגסט: „אראנו ולא עתה אשורנו ולא קרוב״, איך קוק שוין ארום אויף די צייט, נאר עס איז נאך יעצט ניטא, איך זעה ניט אז עס זאל זיין נאהענט״. אבער דו ישראל סבא „דו אלטער ישראל״ וואס דו האסט שוין איבערגעלעבט און אויך געזעהן די מפלות פון דיינע גרויזאמסטע און שרעקליכסטע פיינד. דו, וואס פון קינדווייז אן לערענט מען דיר, אז ווען (והארץ היתה תהו ובהו וחשך על פני תהום, ורוח אלהים מרחפת על פני המים, (בראשית א׳ ב׳) „די ערד איז וויסט און צומישט, א טיעפע פינסטערניש הערשט איבער די וועלט, און עס איז אזוי טיעף אז עס זעהט זיך גאר קיין ענדע ניט, נאר עס שפרייט זיך ביז די טיפעניש פון אפגרונד״. אפילו דאן שוועבט דער גייסט פון גאט איבער דיר ישראל. און ער וועט דיר העלפען פון פייער און וואסער. נעם זיך אן מיין פאלק מיט מוטה און האפענונג.

(חבי כמעט רגע עד יעבור זעם (ישעיהו כ״ו ד׳). באהאלט

זיך אַ קליינע ווײַלע ביז דער צאָרן וועט אַריבערגעהן, באַהאַלט זיך אין תשובה און מעשים טובים (מצודת). שטאַרק זיך אין די אַלטע נאָבעלע שעהנע און גוטע טראַדיציע פון אידישקייט, אין דעם גלויבען פון אַלמעכטיגען גאָט, פאַרשטאַרק דיינע פעסטונגען, די שוהלען, בתי־מדרשים, תלמוד־תורה׳ם צדקה אַנשטאַלטען, גיב דיינע קינדער אַן אויפריכטיגע גרונדליכע אידישע ערציהונג, העלף דיינע ברידער און שוועסטער פון יענער זייט ים — אויפריכטיג און מיט דעם גאַנצען האַרצען — וועסטו זעהן אַז די צרות וועלען זיך פאַרביי געהן, און דו וועסט „זיין אַ פאָלק וואָס זיין ליכט שיינט אויף און דער אַלמעכטיגער וועט דיך שטענדיג פיהרען, ער וועט זעטיגען מיט לויטערע ליכטיגקייט דיין נשמה, דיינע ביינער וועט ער שטאַרקען און דו וועסט זיין ווי אַ געוואָסערטער גאָרטען וואָס זיינע וואַסערען הערען ניט אויף צו קוועלען” (ישעיה נ״ח י״א).

עס ווערט דערצעהלט, אַז אין די מלחמה פון רוסלאַנד מיט דייטשלאַנד, זיינען צוויי דייטשע סאָלדאַטען, איינער אַ איד און איינער אַ קריסט, געגומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט ביי די רוסען. פאַרשטעהט זיך, אַז צופיעל עסען האָט מען זיי ניט געגעבען, זיי איז אויסגעקומען ניט ווייניג צו הונגערען. אַרום פסח צייט, זאָגט דער איד צום קריסט: „ווילסטו האָבען אַ גוטען מאָלצייט מיט וויין, געפילטע פיש, קניידלאַך, מצה, פלייש?” „זיכער”, ענטפערט דער קריסט. זאָגט דער איד: „אויב אַזוי וועסטו מוזען ווערען פאַר איין נאַכט אַ איד, דו קום מיט מיר היינט נאַכט אין שוהל, וואַרט ביז נאָך דעם דאַווענען, וועט דיר אַ איד נעמען צו זיך אויף דעם סדר, דאָרטען וועסטו עסען און טרינקען וויפיעל דו וועסט וועלען. דער דייטש האָט זיך דערקוויקט, האָט שוין אַ גאַנצען טאָג ניט געגומען אין מויל, מיט דעם געדאַנק אַז ביינאַכט וועט ער שוין עסען פאַר דעם גאַנצען טאָג.

פסח נאכט איז זיך דער דייטש מיט דעם אידען געגאנגען אין שוהל, און דער דייטש האט זיך קוים דערוואַרט ביז מען האט אפגעדאוונט. אַ איד איז צו איהם געקומען איינלאַדען צום סדר. אהיים געקומען דאָס ערשטע מאַכט מען קידוש. מען גיט איהם אַ בעכער וויין. טראַכט ער זיך: „זעהר גוט, לאַנג לעבען זאָל דער אידישער סאָלדאַט".

דאָס צווייטע געהט מען זיך וואַשען. גוט, טראַכט ער, יעצט וועט מען גיבען צו עסען. ער ווייסט אַז ביי אידען וואַשט מען זיך איידער מען עסט.

3) מען גיט איהם אַ שטיקעל ציבעלע (כרפס). מען הייסט איהם איינטינקען אין זאַלץ וואַסער און עסען. דעם דייטש האט דאָס זעהר ניט געשמעקט. אָבער ער האָט זיך געקלערט: „מן הסתם איז דאָס צו מאַכען אַפּעטיט צום עסען". נו, ער האָט אפילו אַ גוטען אַפּעטיט אָהן דעם, אָבער עס פּאַסט ניט, עסט ער דאָס אויף.

4) ער זעהט אַז דער בעל־הבית צוברעכט די מיטעלסטע מצה. דענקט ער, מען וועט שוין אין גיכען גיבען צו עסען, עס ווערט איהם שוין פּרעהליכער אויפ'ן הארצען. אָבער וואָס זעהט ער? ער זעהט גאָר אַז דער בעל־הבית באַהאַלט דאָס צוויי־שען די קישענס (פאַר אפיקומן). ווייסט ער שוין גאָר ניט וואָס דאָס איז. פּליצלונג איז ער אַריינגעפאַלען צו אַ קאַרגען אידען וואָס שרעקט זיך מען זאָל ניט אויפעסען די מצות וואָס ליגען אויפ'ן טיש. דערפאַר באַהאַלט ער אַ האַלבע מצה. נאָר וואָס זאָל ער טאָן, ער וועט וואַרטען און זעהן וואָס ווייטער וועט זיין.

5) מען הויבט אָן צו זאָגען די הגדה. דער דייטש, נעביך, קוקט זיך צו און פאַרשטעהט גאָר ניט, ער איז זעהר הונגעריג. איהם דאַכט זיך אַז מען האַלט אין איין זאָגען, עס נעמט גאָר ניט קיין אויפהער. נאָר ער נעמט זיך אָן מיט מוטה און וואַרט. קוים דערוואַרט.

6) מען וואַשט זיך נאָך אַמאָל. מען גיט איהם אַ שטיקעל מצה גרוים ווי אַן אָליוו (כזית). ער זעהט שוין, ער איז אַריינגעפאַלען צו אַ קאַרגען אידען.

7) מען גיט איהם אַ שטיקעל כריין (מרור בחרוסת) און מען טינקט דאָס איין אין עפּעס, וואָס ער ווייסט ניט וואָס. ער נעמט דאָס אין מויל. עס ווערט איהם ביטער און עס רינט איהם טרערען פון די אויגען. יעצט זעהט ער שוין אַז די אידען זיינען משוגע.

8) ווען מען גיט איהם גלייך צוריבענע כריין אויף אַ שטיקעל מצה (כורך) קען ער זיך שוין ניט איינהאַלטען, שטעהט אויף פון טיש, גיט אַ געשריי: „איהר משוגע׳נע אידען" און אַנטלויפט. קומענדיג אהיים הונגעריג, ביטער אין מויל, וואַרט ער אויף דעם אידישען סאָלדאַט, זיך מיט איהם אָפּרעכענען, ווייל ער האָט געשפּאַסט פון איהם.

אַזוי ווי ער האָט דערזעהן דעם אידישען סאָלדאַט, האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם צו שלאָגן. עס האָט ניט געהאָלפען די ערקלערונג, אַז ווען ער האָט נאָך איין מינוט געדולד וואָלט ער געהאַט צו עסען און טרינקען גענוג.

דאָס זעלבע מיין טייער אידיש פאָלק, אמת, מען האָט אונז געגעבען גענוג ביטערניש (מרור) און יעצט גיט מען שוין אונז צוריבענע ביטערע און זויערע צרות, אַז עס איז שוין אונז פינסטער אין די אויגען, אָבער אל יאוש. מיר מוזען ניט פאַרלירען דעם געדולד — מוטה — און האָפענונג.

אם יתמהמה חכה לו כי בא יבא לא יאחר (חבקוק ב׳ ג׳).

אויב עס וועט זיך פאַרציהען מוזסטו געדולד האָבען, ווייל עס וועט און מוז קומען: „אַ בעסערע, שעהנערע און ליכ-טיגערע מענשהייט. עס וועט שוין ניט צופיעל פאַרזאַמען".

לאָמיר ניט זיין ווי יענער דייטש, לאָמיר ניט באַשול-דיגען יענעם אין אונזערע צרות, נאָר זאָל יעדער פון אונז צולייגען די הענט צו די אַרבייט פון ראַטעווען אונזער פאָלק

גייסטיג און פיזיש. ווען א שיף טרינקט זיך מוזען אלע העלפען. קיינער טאר ניט ארויפווארפען די ארבייט אויף אן אנדערען. קיינער טאר ניט שלאפען, ווען ניט, ווערט ער אליין אריינגעווארפען אין שטורם פון די ווילדע כוואליעס (אזוי ווי יונה הנביא).

ניט זיך פארלירען, ניט געשלאפען — נאר געטאן און מיר וועלען דערלעבען אין גיכען די גאולה שלמה, אמן.

תלמוד

אפילו א שארפער שווערד ליגט אויף דעם האלז פון מענשען זאל ער זיך ניט פארלירען און זיך ניט אפזאגען פון רחמים (ברכות ז').

נאך א פארוואלקענטען פינסטערען טאג שיינט און וואַרימט די זון (מחבר).

גאט וועט דיר העלפען אין דעם טאג וואס דו וועסט זיין אין א צרה (תהילים כ"ב).

א פאטער און א זוהן זיינען געגאנגען אין וועג. דער זוהן האט זיך זעהר פארמאטערט. פרעגט ער זיין פאטער: וואו איז דאס לאנד וואוהין מיר געהען?" האט איהם דער פאטער געזאגט: „דאס וועט זיין ביי דיר א צייכען, אויב דו וועסט זעהן א בית-הקברות פאר דיר, איז שוין דאס לאנד נאהענט". אזוי האט געזאגט גאט צו די אידען: „ווען איהר וועט זעהן אז די צרות שטארקען זיך אויף אייך — אין די צייט וועט איהר אויסגעלייזט ווערען" (שו"ט כ' ד').

הלואי, וואס אמשנעלסטען זאל קומען די הילף צו אונזער ארים פאלק.

נאך איז אונזער האפענונג ניט פארלארען.

י

מיין פארערעדע אויף תנ"ך וואס איך האב בעזהי"ת געהאלטען צו די געלעגענהייט פון די גריגדונג א „חברה לומדי

מקרא" אין קינגסברידזש הייטס דזשואיש סענטער, לסדר „צו את בני ישראל ת"ש לפ"ק.

אויב עס איז אַלע מאָל געווען וויכטיג און נוצליך צו לערנען תורה, נביאים, כתובים, ווייל דאָס איז אונזער לעהרע, וויסענשאַפט, און קלוגהייט, איז יעצט נאָך מעהר לעבענס-נויטוועדיג צו שעפּען פון דעם שעהנעם, ליכטיגען און זויבערען קוואַל פון גאָטהייט.

אין אַזאַ צייט וואָס אונזערע בלוט פיינד ימש"ו ווילען אונז פאַרניכטען גייסטיג און קערפּערליך, מיט דעם אויס-רייד, אַז מיר זיינען אַזוינע באַשעפעניש׳ען וואָס זיינען פאַר-אינטערעסירט נאָר אין מאַכען געלד, אָדער צו פאַרשפּרייטען גאָטלאָזיגקייט (קאָמיוניזם ר"ל) צווישען די „טייערע גוטע און הערליכע" פעלקער.

אין אַזאַ ביטערע און פינסטערע צייט איז די איינציגע רפואה פאַר אונז „זיך צו שטאַרקען און פאַרפעסטיגען מיט די אייביגע שעהנע ליכט פון אונזער תורה און נביאים". דאָס וועט אונז קרעפטיגען קערפּערליך און גייסטיג, עס וועט אונז ווייזען דעם וועג „וואו מיר זאָלען געהן אין לעבען". ניט נאָר וועלען מיר צוריק געווינען אונזער זעלבסט רעספּעקט, נאָר אפילו די אָרענטליכע פעלקער וועלען אונז אַנערקענען אַלס „עם הספר", אַ פאָלק פון לעהרע און וויסענשאַפט, און נאָר דאַן וועלען מיר פאַרדינען זייער רעספּעקט, אַזוי ווי משה רבנו זאָגט: (וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך, ויראו ממך (דברים כ"ח י׳). ווען די פעלקער פון די לענדער וועלען זעהן, אַז גאָט׳ס נאָמען ווערט גערופען אויף דיר, וועלען זיי דיר רעספּעקטירען.

כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים (דברים ד׳ ו׳).

ווייל נאָר מיט די תורה וועט איהר פאַררעכענט ווערען אַלס קלוגע און פאַרשטענדיגע אין די אויגען פון אַלע פעלקער. עס איז געקומען די צייט ווען מיר מוזען לערנען אַליין, לערנען

אונזערע קינדער די „אידישע פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט".
נאָר דאַן קענען מיר האָפען אויף „אַ גליקליכע צוקונפט", אמן.

יא

טובה תוכחת מגלה מאהבה מסתרת (משלי כ"ז ה').

עס איז בעסער אַן אָפענער פאַרוואורף, איידער אַ פאַר־דעקטע ליעבע.

איניגע ווערטער צו שוהל געהערם:

עס איז ניט נויטיג אָדער נוצליך צו קומען אין שוהל ברוגז'ליך, אומעטדיג און פאַרזאָרגט.

עבדו את ה' בשמחה, באו לפניו ברננה (תהילים ק').
„דיענט גאָט מיט פרייד, קומט פאַר איהם מיט געזאַנג", זאָגט אונזער הייליגער דיכטער.

איך גלויב, אַז איינע פון די אורזאַכען פאַרוואָס חסידות, אין די לעצטע צוויי יאָהר הונדערט, האָט אויפגעשטורעמט דעם אידענטהום און צוגעצויגען מיליאָנען אידען צו דער באַוועגונג און האָט געראַטעוועט הונדערטע טויזענדע אידען פון גייסטליכען אונטערגאַנג און פאַרניכטונג, איז מיט דעם וואָס זי האָט אַרויסגעטריבען די אומעטדיגקייט און ביטערניש פון די שוהלען. ווער עס האָט געזעהן די פייערליכקייט און פרייד, מיט וואָס די אויפריכטיגע חסידים האָבען געדיענט גאָט, דער קען פאַרשטעהן פאַרוואָס די באַוועגונג האָט צו זיך צוגעצויגען אַלט און יונג. ניט איין מאָל ווינש איך: „הלואי וואָלט היינט גאָט צוגעשיקט דעם אידישען פאָלק אַ בעל־שם־טוב (ר' ישראל בעל־שם־טוב, גרינדער פון חסידות באַוועגונג, געבוירען אין יאָהר 5,458) וואָס זאָל אויפוועקען דאָס אידישע פאָלק פון זיין טיפען טרויעריגען און שרעקליכען שלאָף און אַריינברענגען אביסעל פרייד און האָפנונג אין זיין לע־בען".

אין תנ"ך ווערט דערצעהלט: „ווען דער גרויסער נביא אלישע בן שפט, אליהו הנביא'ס תלמיד, האט געוואלט די קראפט פון אלמעכטיגען גאט זאל ווירקען אויף איהם, האט ער פריהער געהייסען ברענגען א שפילער ער זאל שפילען פאר איהם, און ווען ער איז פרעהליכער געווארען, דאן האט די קראפט פון גאט געווירקט אויף איהם" (מלכים ב' ט"ו). זאגט טאקע דער תלמוד: „אז די שכינה רוהט ניט אויף דעם מענשען וואס האט אין זיך (עצבות) טרויעריגקייט" (שבת ל', פסחים קי"ז).

בשמחה תצאו ובשלום תובלון (ישעיה נ"ה י"ב).

„מיט פרייד וועט איהר ארויסגעהן און אין פריעדען וועט איהר געפיהרט ווערען".

טייטשט דער גרויסער חסידישער רבי הרב ר' אהרן קארלינער זצ"ל: „אויב איהר ווילט געפיהרט ווערען מיט פריעדען און ארויסגעהן פון אלע צרות, איז נאר מיט פרייד וועט איהר דאס דערגרייכען".

א וואונדערבארע געשיכטע דערצעהלט אונז דער תלמוד צו ווייזען ווי גרוים די מצוה איז צו זיין פרעהליך: „רב ברוקא חוזאה האט זיך געפונען אין מארק פון בי-לפט. אליהו הנביא איז געשטאנען נעבען איהם. זאגט רב ברוקא צו אליהו'ן: „איז דא אין מארק איינער וואס וועט האבען די קומענדיגע וועלט?" זאגט אליהו: „ניין". דערווייל זיינען אנגעקומען צוויי מענשען. רופט זיך אן אליהו: „די מענשען וועלען האבען יענע וועלט". איז רב ברוקא צוגעגאנגען צו זיי און זיי געפרעגט: „וואס איז אייער טאן?" האבען זיי איהם געענטפערט: „מיר זיינען אליין פרעהליכע מענשען און מאכען אויך פרעהליך די יעניגע וואס זייען טרויעריג. און ווען מיר זעהען צוויי וואס קריגען זיך, באמיהען מיר זיך און מאכען שלום צווישען זיי" (תענית כ"ב א'). זעהען מיר פון דעם „אז דאווענען און לערנען איז ניט גענוג צו דערגרייכען פאל-

קאַמענהייט. מען מוז אויך זיין אַליין פרעהליך און אויך מאַכען די פאַמיליע און מיט מענשען פרעהליך".

אונזער געטליכער פיהרער משה רבנו האָט געשאָלטען די אידען: „ווייל זיי האָבען ניט געדיענט גאָט מיט פרייד און גוטהערציגקייט". (תחת אשר לא עבדת את ה' בשמחה ובטוב לבב (דברים כ"ח).

דער תלמוד דערצעהלט: „יהודה ב"ר נתן איז געגאַנגען נאָך רב המנונא, האָט ער איהם געזעהן ווי ער קרעכצט, האָט ער צו איהם געזאָגט: „וואָס! יסורים זוכסטו צו ברענגען אויף דיר" (ברכות ס').

געוואַלד! אידען, זוכט ניט צו ברענגען אויף זיך און אויף אַנדערע יסורים.

פאַרטרייבט ניט די פרייד פון שוהל — מאַכט ניט פון איהר אַ בית אבל ר"ל. קומט אין שוהל מיט פרייד און האַ־פענונג און איהר וועט האָבען די און יענע וועלט. איהר וועט מיט דעם זיין באַליעבט ביי גאָט און מענשען.

איהר עלטערע מענשען מוזט און דאַרפט דערנעהענטערען מיט ליעבע און דרך ארץ און מיט רחמים דעם אינגערען דור. דאָס וואָס איהר אַליין קומט אין שוהל און פאַרטיעפט זיך אין תורה און תפלה — איז ניט גענוג. פאַרגעסט ניט וואָס אונ־זערע חכמים זאָגען: „דו זאָלסט אויפנעמען יעדען מענשען מיט אַ שיינענדיגען גוטען געזיכט". הוי מקבל את כל האדם בספבר פנים יפות (פ"א) נעם אויף יעדען מענשען מיט פרייד. הוי מקבל את כל האדם בשמחה (פ"א).

ליעבע פריינד — לאָמיר זיך נעמען אַ ביישפיעל פון אונזער גוטען זיידען אברהם. ווען ער איז געזעסען ביים שוועל פון זיין טיר, שוואַך און קראַנק, ווען ער האָט געזעהן דריי אַראַבער (כסבור שהם ערביים (ב"מ פ"ו) האָט ער ניט גע־קוקט אויף זיין קראַנקהייט און שוואַכקייט, נאָר איז געלאָפען אַנטקעגען זיי, האָט זיך געבעטען מיט רחמים, זיי זאָלען

איהם חס־ושלום ניט פאַרביגעהן, און אַזוי מיט גוטסקייט און עהרליכקייט האָט ער דערנעהענטערט די מענשען אונטער די פליגלען פון אַלמעכטיגען גאָט. טייערע פריינד, ווי גאָט איז אייך ליעב, קריטיקירט ניט און רעדט ניט ח״ו קיין שלעכטס אויף די רבנים, לעהרער און גייסטליכע פיהרער אייערע אין די אַנוועזענהייט פון דעם יונגען דור (מעגט איהר זיין ווי גערעכט) דאָס איז דער גרעפערליכסטער גיפט פאַר דעם אי־דענטהום. געדענקט די ווערטער פון אונזערע גרויסע חכמים: איהר קלוגע גיט אַכטונג אויף אייערע ווערטער (פ״א א׳). איהר מעגט מיינען ווי גוט, אָבער דער יונגער דור געהט אַוועק מיט דעם געדאַנק, אַז אויב די פיהרער פון תורה און אידישקייט טויגען ניט (אַזוי האָבען זיי דאָך געהערט פון עלטערע מענשען) טויג דאָס גאַנצע אידישקייט ניט, נאָך וואָס זאָלען זיי גאָר קומען אין שוהל? אַז זיי האָבען זיך ניט פון וועמען צו לערנען. געדענקט, איהר זיינט פאַראַנטוואָרטליך איינער פאַר דעם אַנדערען (שבועות ל״ט).

ווען איהר ווילט עפּעס זאָגען אָדער לערנען וועמען דאָס איז, זאָגט זיי דאָס מיט גוטסקייט, דרך־ארץ און מיט פריינד־ליכקייט, וועלען זיי זיך צוהערען צו אייך. זייט פון די תלמידים פון אהרן הכהן (פ״א א׳) „האָב ליעב די מענשען און דער־נעהענטער זיי צו די תורה״. נאָר מיט ליעבע און שלום קען מען צוציהען מענשען צו די תורה.

למען השם, צושרייט זיך ניט, און ווייזט ניט קיין כעס אויף קיינעם — דאָס מאַכט אַ שרעקליכן און מיאוס׳ען איינ־דרוק. שלמה המלך זאָגט: „דברי חכמים בנחת נשמעין״ (קהלת י״ח) די ווערטער פון קלוגע ווערען צוגעהערט נאָר ווען זיי ווערען געזאָגט געלאַסען. „כעס בחיק כסילים ינוח (קהלת ז׳ ט׳) ווייל כעס ליגט אין שוים פון נאַראַנים. מאַכט זיך באַליעבט ביי אַלעמען, וועט איהר אויך זיין באַליעבט ביי גאָט.

כל שרוח הבריות נוחה הימנו — רוח המקום נוחה הימנו (פ״א ג׳) דעם וואָס מענשען האָבען ליעב, האָט אויך גאָט ליעב. נעמט דאָס גוט אין אָנבאַטראַכט, און איהר וועט האָבען אַ שעהנעם, גוטען און אינטערעסאַנטען עלטער.

עטליכע ווערטער צו אייך, מיינע ליעבע ווירדיגע יונגע שוהל געהערם (איך רעד צו די וואָס קומען אין שוהל, צו דינען גאָט, צו געפינען גייסטליכען באַדאַרף).

דאָס ערשטע וויל איך אייך זאָגען, אַז איהר זיינט הערצ־ליך ווילקאָמען אין שוהל. ווען איהר קומט אַלע טאָג, אָדער פון צייט צו צייט, פריה אָדער שפעט. אך! איהר יונגע אידען. ווען איהר ווייסט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגען און פרייד איהר רופט אַרוים מיט אייער ערשיינען אין שוהל — ביי אייערע עלטערען און ביי יעדען אויפריכטיגען אידען. ווען איהר באַגרייפט דאָס — דאַרפט איהר שטרעבען מיט אייער גאַנצען כח צו קומען אָפטמאָל אין שוהל. איבערהויפט, אַז דאָס קומען קען אייך אַליין פאַרשאַפען אַ קוואַל פון צופרי־דענהייט. ווען איהר קומט אין גאָט׳ס הויז, איהר טוט זיך אָן דעם טלית פון וויים און בלוי, איהר דערמאָנט זיך אין די קאָלירען פון הימעל, וואו דער אַלמעכטיגער קוקט אויף אייך ווי אַ פאָטער אויף זיינע קינדער, דאַן קענט איהר פיהלען אַז איהר זיינט ניט פאַרלאָזען. ער וועט אייך העלפען אויף דעם שווערען וועג פון לעבען. ווען איהר טוט אָן די תפילין אויף דער האַנד און אויף דעם קאָפּ און איהר פיהלט אַז גאָט׳ס נאָמען איז אויף און מיט אייך, דאַן ווען איהר פאַרטראַכט זיך וועגען די גאָטהייט, מוזט איהר פיהלען אין זיך אַן אמת׳ע גייסטליכע צופרידענהייט. „און אַלע פעלקער וועלען איינזעהן אַז דער נאָמען פון אַלמעכטיגען ווערט גערופען אויף דיר וועלען זיי דיר רעספעקטירען״ (דברים כ״ח י׳).

דער תלמוד זאָגט: „דאָס מיינט די תפילין״ (ברכות ו׳).

דאָס איז גאַנץ ריכטיג, ווען דער איד פיהלט אז ער האָט נאָך אויף זיך דעם „צלם אלקים" (געשטאַלט פון אלמעכטיגען) האָט ער אַליין פאַר זיך רעספּעקט, און רופט אַרויס צו זיך דעם אַלגעמיינעם רעספּעקט.

קום, יונגער פריינד, אין גאָט'ס הויז, ווען נאָר דו קענסט. זאָג ניט, אַז אויב איך קען ניט גיין אין שוהל אַלע טאָג, אָדער אַז איך קען ניט האַלטען די (תרי"ג מצות) זעקס הונ־דערט און דרייצען געבאָטען, שטעה איך אַרויס אין גאַנצען פון שוהל, אָ, ניין, דאָס איז זעהר ניט ריכטיג. די גאָר, אָדער גאָרניט, באַהויפּטונג איז פאַלש און ניט אמת.

זעה וואָס אונזערע חכמים זאָגען: „ווען איינער געהט אין שוהל, אפילו ער דאַוועגט ניט און לערענט ניט קיין זאַך, נאָר ער הערט ווי יענע לערנען, דאַווענען, וועט איהם דער אַלמעכטיגער באַצאָהלען פאַר זיין געהן איין שוהל" (פ"א ה' באור הרע"ב).

פאַרשטעהט זיך, אַז קומען אין שוהל און אויך טאָן — דאַווענען און לערנען, איז זיכער בעסער.

קום, קום, ליעבער טייערער פריינד. אויב נאָר מעגליך „פאַרטיעף זיך אין די פּראַכטפולע שעהנע תפילות" דו וועסט זיכער זיך פיהלען גליקליך. איך ווינש און האָף אַז: „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב".

די ווערטער וואָס געהען אַרויס פון יעדען אויפריכטיג אידיש האַרץ, וועלען אַריינגעהן אין דיין האַרץ. דו וועסט זיך באַמיהען דאָס אויסצופאָלגען. פאַרגעס ניט אַז די טראַ־דיציאָן פון טויזענדע הייליגע און שעהנע דורות קוקט אויף דיר, און עס איז דיין פליכט און פאַרגעניגען דאָס אָנצוהאַלטען.

זאָל דער אַלמעכטיגער גאָט פון אונזערע עלטערען, וואָס האָט באַשאַפען דעם הימעל און ערד, דיר בענשען מיט די ברכה פון די תורה.

יברכך ה׳ וישמרך
יאר ה׳ פניו אליך ויחנך
ישא ה׳ פניו אליך, וישם לך שלום.

יב

א הדרן אויף מסכת סנהדרין, וואס איך האב געזאגט בעזהי״ת שבת פרשה משפטים ת״ש ביי די „חברה משניות לומדי ש״ס״ קינגסברידזש הייטס דזשואיש סענטער. די מסכת סנהדרין ענדיגט זיך מיט דעם מאמר „צדיק בא לעולם, טובה באה לעולם״. שנאמר: „זה ינחמנו ממעשנו ומעצבון ידינו״ (בראשית ה׳ כ״ט).

מען ערקלערט דאס אזוי: „ווען דער צדיק ווערט גע־בארען, קומט אויף דער וועלט גוטס״. א באוויז ברענגט די גמרא פון די תורה: „ווען ביי למך׳ן איז געבארען גע־ווארען א זוהן האט ער איהם גערופען נח״, זאגענדיג „ער וועט אונז טרייסטען פון אונזער ארבייט און פון טרויער פון אונזערע הענד״.

1) איז די פראגע, מיר האבען געלערענט: „ווען דער מענש ווערט געבארען, איז שוין באשלאסען וואס ער זאל זיין. רייך אדער ארים, קלוג אדער נאריש, נאר „צי גוט אדער שלעכט״ איז ניט באשלאסען. דאס ווענדעט זיך אין מענשען אליין. ער אליין קען אויסקלייבען וואס צו זיין, א צדיק אדער א רשע. אזוי ווי די גמרא זאגט: „האט ר׳ חנינא ב״ר פפא גע׳דרש׳ענט, דער מלאך וואס איז באשטימט אויף דעם טראַ־גען איז זיין נאמען לילה. ער נעמט דעם טראפען, שטעלט איהם אוועק פאר הקב״ה און זאגט פאר איהם, רבונו של עולם, דער טראפען, וואס וועט זיין פון איהם, א חכם אדער א נאר, א רייכער אדער אן ארימאן? צי וועט ער זיין א צדיק אדער א רשע, דאס פרעגט ניט דער מלאך, ווייל דאס גיט מען דעם

מענשען די אויסוואהל. „ער קען זיין וואס ער וויל נאר אליין" (נדה ט"ז:).

דער רמב"ם זצ"ל (הלכות תשובה פרק ה' ב') זאגט: „זאל ניט דורכגעהן אויף דיין געדאנק די זאך וואס די מעהרהייט נאראנים פון די אידען זאגען, אז הקדוש ברוך הוא באשטימט דעם מענשען אין אנפאנג פון זיין באשאפען, צו זיין א צדיק אדער א רשע".

די זאך איז ניט אזוי — נאר יעדער מענש קען זיין א צדיק ווי משה רבנו, אדער א רשע ווי ירבעם. עס איז ניטא ווער עס זאל איהם נויטען, און איהם שלעפען צו איינע פון די צוויי וועגען — נאר ער אליין קען אויסקלייבען דעם וועג וואס ער וויל, ווי ירמיהו הנביא זאגט „פון דעם אויבערשטען גייט ניט ארוים קיין שלעכטס אדער גוטס" (איכה ג') און דער רמב"ם זצ"ל ענדיגט: „דאס איז די הויפט זאך וואס אלע ווערטער פון די נביאים זיינען אפהענגיג אין דעם". אויב אזוי, איז די פראגע, ווי קען די גמרא זאגען „אז ווען דער צדיק קומט אויף דער וועלט, קומט גוטס?" ווי אזוי ווייסט מען אז דער געבארענער וועט זיין א צדיק? די אויסוואהל איז דאך ביי איהם. פלייכט וועט ער גאר אוסקלייבען צו זיין א רשע?

2) און אויך אויף דעם באווייז וואס די גמרא ברענגט פון נח'ן קען מען פרעגען: „פארוואס האט רש"י אין חומש ניט געזאגט דעם געדאנק, אז פארוואס האט למך גערופען זיין זוהן נח ווייל אז א צדיק קומט אויף דער וועלט, קומט גוטס מיט איהם (נח אין העברייאיש מיינט גרינגער). רש"י ז"ל ערקלערט גאר די זאך אויפ'ן נאטירליכען וועג: ווייל ער האט ערפונדען אקער ווערקצייג, דערפאר האט מען איהם גערופען נח. און אפילו נאך רש"י קען מען פרעגען: „ווי אזוי האט למך געוואוסט, אז ער וועט ערפינדען אקער ווערקצייג?"

דער באור (פון ר' משה מעדעסוא נ"ע) זאגט: „עס קען

זיין אז למך האָט געוואוסט דורך נבואה אז דורך איהם וועט די ערד אויפלעבען און דורך דעם וועט די מענשהייט געהאָלפען ווערען, דערפאַר האָט ער איהם גערופען נח".

פראַגע: „וואָס האָט נבואה צו טאָן מיט דעם?" מיר זאָגען דאָך אז דאָס איז דעם מענשענ'ס אויסוואהל, צי ער זאָל ברענגען גוטס אָדער שלעכטס די מענשהייט, ווי קומט די נבואה אהער?

3) אין אמת'ען, ענדליך צו די פראַגע, פרעגט דער ענף־יוסף אויף עין יעקב (סוף מסכת סנהדרין) ער פרעגט אויף דעם מאמר פון די גמרא „אז דער רשע קומט אויף דער וועלט, קומט א צאָרן". אזוי ווי שלמה המלך זאָגט (משלי י' ח'): „מיט דעם אָנקומען פון רשע קומט אויך שאַנדע, און מיט דעם אומווירדיגען קומט שומפף". פרעגט דער ענף־יוסף: „ווי אזוי איז דאָס מעגליך אז א מענש קומט אויף דער וועלט, זאָל מען שוין וויסען אז ער וועט זיין א רשע? פאַרוואָס זאָל דורך איהם קומען א צאָרן, ער האָט דאָך נאָך קיין שלעכטס ניט געטאָן? וואָס דען — ער וועט שפּעטער טאָן שלעכטס, ווייסען מיר דאָך, אז גאָט שטראָפט ניט דעם מענשען, פאַר דעם וואָס ער וועט שפּעטער טאָן, נאָר אויסשליסליך פאַר דעם וואָס ער האָט שוין אָפּגעטאָן, אזוי ווי גאָט האָט געזאָגט צו הגר ישמעאל'ס מוטער: „שרעק זיך ניט, ווייל גאָט האָט צוגעהערט די שטימע פון יונג, דאָרטען וואו ער איז" (בראשית כ"א י"ז). אונזערע חכמים זאָגען אויף דעם, אז דאָס מיינט: „ער וועט גערייכטעט ווערען נאָך די טהאַטען, ווייל די מלאכים האָבען אָנגערעדט און געזאָגט: „רבונו של עולם, דער וואָס זיינע קינדער זיינען צוגעגרייט צו טויטען דיינע קינדער מיט דאָרשט, ווילסטו איהם גיבען א ברונען וואסער צום טרינקען?" און גאָט האָט זיי געענטפערט: „וואָס איז ער יעצט א רשע אָדער א צדיק? יעצט איז ער א צדיק, איך ריכטע נאָר ווי ער איז יעצט".

איז דאָך די פראַגע: „השי״ת שטראָפט ניט דעם צוקונפ־טיגען רשע פאַר די שלעכטס וואָס ער וועט אַמאָל טאָן, קען דאָך ניט זיין אַז ער וועט שטראָפען די וועלט מיט אַ צאָרן צוליעב איהם?״

דער ענף־יוסף ענטפערט אויף דעם, אַז די גמרא מיינט: אַז דער פאָטער פון רשע האָט געזינדיגט און דער רשע איז שוין געבאָרען געוואָרען אין זינד, ער וועט שוין זיין זיכער אַ רשע, און דערפאַר קומט שוין מיט איהם אַ צאָרן.

4) אויף דעם ענטפער פון ענף־יוסף קען מען פרעגען. די תורה זאָגט (שמות ל״ד ז׳): „גאָט געדענקט די זינד פון עלטערען אויף די קינדער״. זאָגען די חכמים (ברכות ז׳): „אַז דאָס איז נאָר, אויב די קינדער האַלטען אָן די זינד פון די עלטערען, דאַן ווערען זיי באַשטראָפט. מעג זיך אָבער דער פאָטער זיין אַ רשע, און די קינדער געהען ניט אין זיינע וועגען, ווערען זיי ניט באַשטראָפט״. די גמרא זאָגט אויך (ברכות ז׳): משה רבנו האָט געפרעגט גאָט: „פאַרוואָס איז דאָ אַ צדיק וואָס איז איהם גוט, און אַ צדיק וואָס איהם איז שלעכט?״ גאָט האָט איהם געענטפערט: „אַ צדיק וואָס איז איהם גוט, איז דער זוהן פון אַ צדיק. אַ צדיק וואָס איהם איז שלעכט, איז דער זוהן פון אַ רשע״. זעהען מיר דאָך פון דעם, אַז עס קען זיין אַ פאָטער אַ רשע און דער זוהן אַ צדיק.

און דאָס וואָס ער איז געבאָרען אין זינד, ענטשיידעט דאָך דער תלמוד (הוריות י״ג משנה) אַז אַ ממזר אַ תלמיד־חכם איז פריהער פון אַ כהן גדול אַן עם הארץ.

5 די זעלבע פראַגע קען געפרעגט ווערען אויף ר׳ מאיר׳ן. אין תלמוד (יומא פ״ג) ווערט דערצעהלט: ר׳ מאיר און ר׳ יוסי זיינען געגאַנגען אין וועג, ווען זיי זיינען געקומען אין אַ האָטעל. האָט ר׳ מאיר געפרעגט דעם אייגענטימער פון האָטעל: „וואָס איז דיין נאָמען? ער האָט איהם געענט־פערט: „מיין נאָמען איז כידור״. האָט ר׳ מאיר געזאָגט:

„דאָס איבערצייגט אַז דער מאַן איז אַ רשע, ווייל די תורה זאָגט: „כי דור תהפכת המה" (דברים ל"ב כ"א) „זיי זיינען אַן איבערגעקערטער דור", ווי באַלד ער הייסט כידור, איז שון אַ צייכען אַז ער איז שלעכט.

ווי אַזוי האָט ר' מאיר דאָס געקנט זאָגען? וואָס איז דען דער אונטערשייד, וואָס פאַר אַ נאָמען זיין פאָטער האָט איהם געגעבען, אַז די אויסוואהל איז ביי איהם צו זיין גוט אָדער שלעכט.

6) און נאָך אַ פראַגע, אין די גמרא וואָס מיר זיינען בעזהי"ת יעצט מסים, לערנען מיר (סנהדרין צ"ב) זאָגט ר' אלעזר: „יעדער מענש וואָס האָט אין איהם וויסענשאַפט, ווערט אַם ענדע רייך".

פראַגע: מיר זאָגען אַז וויסענשאַפט מיינט רוח־הקודש (פירוש רש"י פ' תשא) וואָס מען קען דערגרייכען נאָר דורך לערנען תורה און זיין פרום. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט רייכטהום? די גמרא זאָגט דאָך (מוק כ"ח) „לעבען, קינדער און שפייז — וואָס מיינט רייכטהום — האָט גאָר ניט צו טאָן מיט פרומקייט אָדער תורה לערנען, נאָר ווענדעט זיך אין מזל". מיט רעכט פרעגט דער מהרש"א זצ"ל: „שלמה המלך זאָגט דאָך (קהלת ט' י"א) ניט צו קלוגע ברוט, און ניט צו פאַרשטענדיגע רייכטהום?"

יעצט רבותי, וועל איך זיך באַמיהען צו ענטפערען „על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון" אויף יעדע פראַגע באַזונדער.

די חכמים זאָגען מיט דריי נעמען ווערט דער מענש גערופען. איינער וואָס זיינע עלטערען רופען איהם, איינער וואָס מענשען רופען איהם און איין נאָמען מיט וואָס ער פאַרדינט זיך (מדרש תנחומא ויקהל).

1) ווען דער צדיק קומט אויף דער וועלט — וואָס די גמרא זאָגט — מיינט ניט ווען ער ווערט געבאָרען — קומט שוין גוטס אויף דער וועלט, נאָר דאָס מיינט — ווען אַ מענש

ווערט אַ צדיק — הייסט דאָס אַז יעצט איז ער געקומען אויף דער וועלט, ווייל דער גאַנצער צוועק פון מענשען — איז אויף צו טאָן גוטס אויף דער וועלט, ווייל דער מענש וואָס טוט גאָר ניט אויף דער וועלט, איז גלייך ווי ער לעבט ניט (לא בא לעולם) און איז גאָר ניט געבאָרען געוואָרען. ווי דער מלבו"ם זצ"ל זאָגט (בראשית מ"ז ח'): „ווען פרעה האָט געפרעגט יעקב'ן „וויפיעל זיינען דיינע יאָהרען?" האָט יעקב געענטפערט: „אויב דו פרעגסט וויפיעל איך געה אַרום אויף די ערד, זאָג איך דיר, הונדערט און דרייסיג יאָהר, נאָר אויב דו ווילסט וויסען, וויפיעל איך האָב געלעבט — דאָס מיינט — וואָס איך האָב אויפגעטאָן גוטס, זאָג איך דיר אַז זיי זיינען געווען ווייניג, זיי קומען ניט צו די יאָהרען פון מיינע עלטערען, ווייל זיי האָבען מעהר געטאָן".

„עמי הארץ אינן חיים" (כתובות קי"א:). די אומוויכטיגע מענשען לעבען ניט — זאָגען אונזערע חכמים.

נאָך דער ערקלעהרונג — איז רעכט וואָס די גמרא זאָגט: „ווען דער צדיק קומט אויף דער וועלט — דאָס מיינט ווען דער מענש ווערט אַ צדיק — קומט גוטס אויף דער וועלט מיט איהם — ווייל ער טוט דאָך די גוטס".

2) נח'ן האָט מען ניט אַ נאָמען געגעבען נח — ווען ער איז געבאָרען געוואָרען — נאָר אַזוי ווי רש"י זאָגט: ווען ער האָט ערפונדען אַ זאַך וואָס האָט גענוצט די מענשהייט — דאַן האָט מען איהם אַ נאָמען געגעבען נח (דאָס מיינט, ער פאַרגרינגערט דאָס לעבען) אַ באַווייז אַז אַזוי איז דאָס, קענען מיר זעהן פון דעם וואָס די תורה שרייבט ביי אַלע וואָס זיינען געבאָרען געוואָרען „דער און דער האָט געבאָרען דעם און דעם". ביי נח'ן שרייבט די תורה: „למך האָט געבאָרען אַ זוהן, און נאָכער האָט ער גערופען זיין נאָמען נח") דאָס ווייזט דייטליך, אַז דער נאָמען נח האָט מען איהם ניט געגעבען ביים געבאָרען ווערען, נאָר ווען ער האָט אויפגעטאָן און פאַר-

גרינגערט די אַרבייט פון דער מענטשהייט.

עס איז דאָ אַ סך ביישפּילען אַזוינע אין די געשיכטע, אַז דעם נאָמען האָט מען צוגעלעגט נאָך די טהאַטען פון מענטשען. ר׳ מאיר׳ס נאָמען — מיט וואָס ער איז געווען באַוואוסט — איז ניט געווען זיין נאָמען וואָס זיין פאָטער האָט איהם געגעבען. ער האָט געהייסען „נהוראי״, גערופען האָט מען איהם ר׳ מאיר „ווייל ער האָט באַלייכטעט די חכמים אין געזעץ״ (עירובין י״ג) און ווען דער זעלבער ר׳ מאיר האָט זיך פאַרזינדיגט, האָט מען נאָך אַמאָל געביטען זיין נאָמען, ווי די גמרא ערצעהלט: אין די צייטען פון ר׳ שמעון בן גמליאל איז געווען איינגעפיהרט, אַז ווען דער נשיא איז אַריינגעקומען אין בית-המדרש, האָט זיך דער גאַנצער עולם אויפגעשטעלט. דאָס זעלבע, ווען דער עלטסטער פון בית-דין און אויך ווען דער חכם, זיינען אַריינגעקומען אין בית-המדרש, ר׳ שמעון, וואָס איז געווען דער נשיא, האָט איינגעפיהרט, אַז ווען דער נשיא קומט אַריין — זאָל דער גאַנצער עולם אויפשטעהן און ניט זיצען ביז וואַנען דער נשיא וועט זיי הייסען זיצען. ווען דער עלטסטער פון בית-דין, וואָס איז געווען ר׳ נתן, וועט אַריינקומען, זאָל איין צייל פון איין זייט, און איין צייל פון דער אַנדערער זייט — שטעהן, ביז וואַנען ער וועט זיך זעצען אויף זיין פּלאַץ.

ווען דער חכם וועט אַריינקומען, זאָל איינער זיצען, איינער שטעהן, ביז דער חכם וועט זיך זעצען אויף זיין אָרט, דער חכם איז געווען ר׳ מאיר.

ווען ר׳ נתן און ר׳ מאיר זיינען אַריינגעקומען אין בית-המדרש און האָבען געזעהן אַז דער גאַנצער עולם שטעהט ניט אויף פאַר זיי, האָבען זיי געפרעגט: „וואָס איז דאָס?״ און ווען מען האָט זיי דערצעהלט, אַז אַזוי האָט ר׳ שמעון איינגעפיהרט, האָט דאָס זיי פאַרדראָסען, און זיי האָבען באַשלאָסען, „זיי וועלען קומען אין בית-המדרש און פרעגען ר׳ שמעון ער

זאָל זיי ערקלערען די גמרא עוקצים. זיי האָבען געוואוסט אז ער איז שוואך אין די גמרא. ווען ער וועט ניט וויסען וואָס צו ענטפערען, וועלען זיי איהם זאָגען: „נאָר די וואָס קענען גוט לערנען דאַרפען זיין די פיהרער" ר' יעקב בן קרש האָט דאָס געהערט, האָט ער געקלערט: ר' שמעון וועט דאָך פאַרשעמט ווערען. איז ער געגאַנגען אונטער דעם אויבער-שטיבעל פון ר' שמעון, האָט געלערענט די גמרא עוקצים, אום ר' שמעון זאָל זיך צוהערען — אזוי איז געווען. ווען ר' מאיר מיט ר' נתן'ען האָבען אויף מאָרגען געפרעגט ר' שמעון'ען ער זאָל מיט זיי לערנען עוקצים, האָט ער געלערענט. נאָך דעם האָט ר' שמעון געזאָגט: „ווען איך וואָלט ניט געוואוסט, וואָלט איהר מיר פאַרשעמט", האָט ער זיי אויסגעשלאָסען פון בית-המדרש.

ר' מאיר און ר' נתן, זייענדיג אין דרויסען, האָבען אויפגעשריבען פראַגעס אויף צעטעלאך און דאָס אריינגע-וואָרפען אין בית-המדרש. ר' יוסי האָט פּראָטעסטירט פאַר-וואָס די תורה-מענשען זיינען אין דרויסען, האָט מען זיי צוריק אריינגענומען אין בית-המדרש. נאָר מען האָט זיי באַ-שטראָפט — ווייל זיי האָבען געוואָלט פאַרשעמען ר' שמעון'ען — וואָס מען האָט פאַרביטען זייערע נעמען:

ר' מאיר'ן האָט מען גערופען „אחרים", ר' נתן'ען האָט מען גערופען „יש אומרים" (הוריות י"ג).

דאָס זעלבע האָט מען גערופען „אלישע בן אבויה — ווען ער האָט געזינדיגט „אחר" (קדושין ל"ט).

3) אזוי קען מען ענטפערען אויף ר' מאיר'ן וואָס האָט געזאָגט: ווי באַלד זיין נאָמען איז כידור, איז א צייכען אז ער איז ניט קיין ערענטליכער מענש.

כידור איז ניט געווען זיין געבאָרען נאָמען, נאָר די שטאָדט מענשען האָבען איהם געגעבען דעם נאָמען, ווייל זיינע טהאַטען זייען געווען פאַרדאָרבען. ווען ר' מאיר האָט איהם געפרעגט

ווי רופט מען דיר — האָט ער געמיינט, ווי רופען דיר די שטאָדט מענשען. ווען ער האָט געזאָגט אַז מען רופט מיר כידור, האָט ר׳ מאיר געלערענט, ווי באַלד מענשען האָבען אויסגעקליבען פאַר איהם דעם נאָמען, איז אַ צייכען אַז ער איז ניט אָרענטליך. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען — איז ריכטיג, דער כידור געווען אַ שווינדלער.

4) דאָס וואָס ר׳ אלעזר זאָגט: „דער וואָס האָט וויסענ־שאַפט ווערט רייך, מיינט דאָס ניט, „אַז ער ווערט רייך מיט געלד, גאָלד, און מאַטעריעלען פאַרמעגען, ווייל די אַלע זאַכען מיינען גאָר ניט רייכטהום, צופרידענהייט. פיעל מאָל ברענגען די זאַכען נאָר אומגליק, צרות און טרויער. אַזוי ווי שלמה המלך זאָגט: „עס איז דאָ אַ שלעכטע קראַנקהייט, וואָס איך האָב געזעהן אונטער דער זון, וואָס אָנגעזאַמעלטע רייכטהום ברענגט שלעכטס זיין אייגענטיהמער״ (קהלת ו׳ י״ב). ניין, רבותי, ניט גאָלד און זילבער מיינט ר׳ אלעזר, נאָר דער וואָס האָט „די געטליכע וויסענשאַפט — תורה און חכמה״, דער ווערט רייך — מיט אַ אמת׳ע גליקליכע, אינערליכע נשמה פרייד און אַ צופרידענעם לעבען, ווי דוד המלך זאָגט: „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף״ (תהילים קי״ט ע״ב). „עס איז מיר בעסער די לעהרע פון דיר גאָט ווי טויזענדע גאָלד און זילבער״.

איך וויל ענדיגען מיט אַ פּאָר ווערטער צו אייך, בעלי־בתים פון שוהל. אמת, די חברה משניות למדי ש״ס זיינען ניט רייך מיט קיין געלד און קענען דערפאַר ניט גיבען אַזוי פיעל, וויפיעל אַנדערע חברות גיבען צו די שוהל, אָבער אויפ־ריכטיג גערעדט, איז די רייכטהום, שעהנקייט, און אידישקייט, וואָס די, און אַנדערע שוהלען פאַרמאָגען, נאָר פון די למדי־תורה, ווייל אָהן זיי ח״ו איז די שוהל און דער בית־המדרש קיין הייליג אָרט ניט. זאָל דער וואָס האָט געגעבען די תורה דערלענגערען זייערע יאָהרען, און מיר זאָלען האָבען די גע־

לעגענהייט צו לערנען מיט פרייד תורת ה׳, און אין גיכען זעהן דעם מלאך־השלום ווי ער ברענגט דאָס הארץ פון על־טערען צו קינדער, און דאָס הארץ פון קינדער צו זייערע עלטערען, און יעקב וועט זיך צוריק קערען, און וועט זיין רוהיג און זיכער, קיינער וועט איהם ניט שרעקען.

וקוי ה׳ יחליפו כח
יעלו עבר כנשרים
ירוצו ולא יגעו ילכו ולא ייעפו
ובא לציון גואל ב׳ב׳א.

בעזהי״ת

געענדיגט דעם צווייטען טייל **„ספר הצדיק ודרך הטוב״.**

אַזוי זאָל מיר השי״ת מיט זיין גרוים רחמים העלפען, איך זאָל זוכה זיין אָנפאַנגען און ענדיגען די אַנדערע טיילען פון ספר.

אמן.

ליעבער פריינד:

אויב דו האָסט געהאַט פאַרגעניגען פון דעם ספר, אויב דו ביסט צופרידען פון איהם, טו מיר די געפעליגקייט און לאָז דאָס מיר וויסען.

אויב נאָר מעגליך, העלף מיר צו פאַרשפרייטען דעם ספר.

זעה, אַז ביי דיר, ביי דיינע פריינד, זאָל זיך געפינען דער ספר.

דו וועסט מיט דעם טאָן פיער גוטע נאָבעלע טהאַטען:

1) דו וועסט מיר פאַרשאַפען פאַרגעניגען און מיר גיבען מוטה און שטאַרקייט אָן צו געהן מיט מיין אַרבייט, דיר צו ברענגען די אַנדערע טיילען פון דעם „ספר הצדיק ודרך הטוב״, וואָס איז אַן אוצר און אַ קוואל פון וויסענשאַפט און לעהרע.

2) עס וועט דיר מאכען באקאנט מיט די עהרליכע און געטליכע נביאים, צדיקים-חכמים און גאונים פון טויזענדע יאהרען. דו וועסט דערזעהן זייערע שעהנע ליכטיגע לעהרע. דו וועסט זיין באקאנט מיט די באוועגונגען פון אונזער פאלק זייט טויזענדע יאהרען.

3) דו וועסט העלפען פארשפרייטען די זויבערע ליכ-טיגקייט פון אונזער תורה. דו וועסט מקיים זיין אין דיר „עץ חיים היא למחזיקים בה, ותמכיה מאשר” (משלי ג' י"ח). „זי איז א לעבענס בוים פאר די וואס האלטען זיך אן אין איהר, און די וואס שטיצען זי זיינען גליקליך”.

4) דו וועסט העלפען מיט דעם „די אומגליקליכע ארימע יתומים” וואס קוקען ארוים נאך דיין הילף, ווייל ווי איך האב געזאגט אין מיין פאררעדע: „דער גאנצער איינקונפט פון דעם ספר וועט געהן פאר יתומים”.

אין דעם זכות וועט דער פאטער פון יתומים דיר בענשען „אז דו מיט דיינע קינדער וועלען האבען א צופרידענעם לאנגען גליקליכען לעבען.

אין דיר ווענדעט זיך, צו דער נוצליכער לעבענס בוים זאל ברענגען זיינע נוצען און די מענשהייט זאל געניסען פון זיינע זאפטיגע פרוכט.

דיין פריינד,

חיים יוסף בארא ז.

נאציאנאלער עמוירדזשענסי קאמפיין פאר דעם בית היתומות הכללי בירושלים

דער „בית היתומות הכללי” אין ירושלים דינט אלס רע-טונג-פלאץ פאר פיעלע און פיעלע שרעקליכע טראגעדיעס: לעבעדיגע מוסטערען פון דאס שוידערליכסטע וואס ווערט אפגעשפילט צווישען אידישע פאמיליעס איבעראל. יעדע

יתומה'לע איז פאר זיך אַ באַזונדערע טראַגעדיע, און איין טראַ־געדיע איז שווערליכער פון די צווייטע...

ביי יעצטיגער צייט איז אונז נאָך צוגעקומען פיעל פרישע טראַגעדיעס, וואָס שטייגען איבער די פריהערדיגע. דאָס זיי־נען די קליינע אומשולדיגע יתומות, געבליבען פון הונדערטע אידישע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלען דורך די לעצטע עט־ליכע יאָהרען פון פאָגראָמען און אונרוהען אין אונזער לאַנד. אזוי אויך די וואָס זיינען געבראַכט געוואָרען מיט די איינ־וויינדערונג פון אידישע פליכטלינגע פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע און אויך איצט פון פוילען, א. ז. וו.

ניט קוקענדיג אויף דעם קריטישען קריזים-צושטאַנד, וואָס דער אַנשטאַלט האָט דורכצומאַכען יעצט, האָט ער געעפענט פריי זיינע טויערען, אויפצונעמען דיזע הילפסאָלזע יתומות, וועלכע זיינען געבליבען אַזוי היימלאָז און שוצלאָז, אום זיי צו געבען די געהעריגע שוץ, און פאַרזיסערען זייער ביטערען לע־בען מיט וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך... קענט איהר זיך אָבער פאָרשטעלען, מיט וועלכע באַדינגונגען מיר האָבען אונטער־גענומען צו טאָן אַזאַ געוואַגטען שריט ?

— ניין, עס איז זיך גאָרניט מעגליך פאָרצושטעלען, ווי וויט ביטער אונזער לאַגע איז, אין דער צייט וואָס די הכנסות ווערען ליידער ווייניגער פון טאָג צו טאָג. עס איז ניטאָ מיט וואָס אויפצוהאַלטען די הונדערטע יתומות וואָס געפינען זיך אין הויז פון פריהער, און דאָ מוזען מיר נאָך אומבאַדינגט אויפנעמען די פרישע צוגעקומענע יתומות, וואָס האָט גע־בראַכט צו אַ געוואַלדיגע פאַרגרעסערונג אין דער הוצאה, ניט האָבנדיג ליידער מיט וואָס דאָס צו דעקען.

טייערע ברידער און שוועסטער !

דער געוואַגטער שריט האָט זעהר צורודערט דעם פונדאַ־מענט פון דעם אַנשטאַלט און האָלט ביים רואינירען זיין עק־זיסטענץ. אויב דער מצב זאָל אַזוי זיך ציהען ח"ו אויך ווייי־

טער, דראָהט עס דעם אַנשטאַלט די געפאַהר פון אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע און אַבסאָלוטער רואינירונג.

אין אייערע הענט ליגט יעצט דער שיקזאל פון די הונדערטע און הונדערטע פאַרלאָזענע און צובראָכענע אידישע יתומות, וועלכע זיינען אָנגעהאַנגען בלויז אויף דיזע היים, און האָבען ניט קיין אַנדערע ווער עס זאָל פאַר זיי זאָרגען.

מיר ערוואַרטען אייער נאָבעלען אָפרוף, וואָס וועט ווייטער מעגליך מאַכען די עקזיסטענץ פון דעם אַנשטאַלט, און מיר ווינשען אייך אין נאָמען פון אבי היתומים זוכה צו זיין צו זעהן אַ הילף אויף כלל ישראל.

קויפט דעם ספר, זעהט אַז אייערע פריינד זאָלען איהם קויפען. העלפט — און השי״ת וועט אייך העלפען.

די גבאים פון בית היתומות הכללי

אין ירושלים.

שרי ליה לאנש לאודעי נפשיה באתרא דלא ידעי ליה (מסכת נדרים ס"ב).

מיום שעמדתי על דעתי הייתי נזהר מלהשתמש במכתבי־תהלה ותעודות שיש לי בעזהי"ת מחכמי וגאוני ישראל, המפורסמים לשם ולתהלה, אדירי התורה והחכמה. אבל כעת לתועלת ספרי, שאני מקוה, שהוא ירביץ תורה בישראל ויביא עזרה ליתומים עניים, וגם לאלו שישאלו „הגם שאול בנביאים" ארשום אחדים מציס"ע שמהללים ומשבחים אותי בתור „צורבא מרבנן".

הלא־המה:

הרב הגאון הגדול, שר התורה והיראה, פאר הדור והדרו, כקש"ת מרן הרב **אברהם יצחק הכהן קוק** זצ"ל הרב הראשי לא"י.

הרב הגאון הגדול צדיק תמים ארי שבחבורה כקש"ת מרן הרב **יוסף חיים זאננענפעלד** זצ"ל, רב ואב"ד בעה"ק ירושלים תובב"א.

הרב הגאון הגדול צדיק תמים, ישיש בתו"י כקש"ת הרב **משה נחום וואללענשטיין** זצ"ל, ראש בית־דין צדק, ירושלים תובב"א.

הרב הגדול, איש האשכולות, רום המעלות הדרת תפארת כש"ת מוה"ר **ר' ישראל לעווי** זצ"ל, הרב הראשי לארץ צרפת.

ועוד רבנים גאונים, רישי כלה, ורישי מתיבתא, בעלי תריסין, הנאהבים והנעימים. סמכו את ידיהם עלי.

יהא רעוא שירנו וישמחו חפצי צדקי ויאמרו תמיד יגדל ה' החפץ שלום עבדו, ולשוני תהגה כל היום תהלתך אמן ואמן.

IN MEMORY OF OUR DEARLY BELOVED

....

Jewish name ....

English name ....

Deceased

Jewish date ....English date ....

Interred ....

Name of cemetery

....

Plot number or society's name

City .... State ....

May .... **soul rest in Peace**

Year	Day	Date	Month	Year	Day	Date	Month

Jahrzeit begins on the previous evening.

If you are unable to have this calendar covering a period of fifty years tabulated, the author will gladly do it for you.

IN MEMORY OF OUR DEARLY BELOVED

....

Jewish name ....

English name ....

Deceased

Jewish date ....English date ....

Interred ....

Name of cemetery

....

Plot number or society's name

City .... State ....

May .... **soul rest in Peace**

Year	Day	Date	Month	Year	Day	Date	Month

Jahrzeit begins on the previous evening.

If you are unable to have this calendar covering a period of fifty years tabulated, the author will gladly do it for you.

IN MEMORY OF OUR DEARLY BELOVED

....

Jewish name ....

English name ....

Deceased

Jewish date ....English date ....

Interred ....

Name of cemetery

....

Plot number or society's name

City .... State ....

May .... **soul rest in Peace**

Year	Day	Date	Month	Year	Day	Date	Month

Jahrzeit begins on the previous evening.

If you are unable to have this calendar covering a period of fifty years tabulated, the author will gladly do it for you.

IN MEMORY OF OUR DEARLY BELOVED

....

Jewish name ....

English name ....

Deceased

Jewish date ....English date ....

Interred ....

Name of cemetery

....

Plot number or society's name

City .... State ....

May .... soul rest in Peace

Year	Day	Date	Month	Year	Day	Date	Month

Jahrzeit begins on the previous evening.

If you are unable to have this calendar covering a period of fifty years tabulated, the author will gladly do it for you.

IN MEMORY OF OUR DEARLY BELOVED

....

Jewish name ....

English name ....

Deceased

Jewish date ....English date ....

Interred ....

Name of cemetery

....

Plot number or society's name

City .... State ....

May .... soul rest in Peace

Year	Day	Date	Month	Year	Day	Date	Month

Jahrzeit begins on the previous evening.

If you are unable to have this calendar covering a period of fifty years tabulated, the author will gladly do it for you.

IN MEMORY OF OUR DEARLY BELOVED

....

Jewish name ....

English name ....

Deceased

Jewish date ....English date ....

Interred ....

Name of cemetery

....

Plot number or society's name

City .... State ....

May .... soul rest in Peace

Year	Day	Date	Month	Year	Day	Date	Month

Jahrzeit begins on the previous evening.

If you are unable to have this calendar covering a period of fifty years tabulated, the author will gladly do it for you.

MARRIAGES

....

Name of son or daughter

To ....

Groom or bride

Jewish date ....

English date ....

Performed by rabbi..

at the ....

Name of place and address

City ....State ....

....

Name of son or daughter

To ....

Groom or bride

Jewish date ....

English date ....

Performed by rabbi..

at the ....

Name of place and address

City ....State ....

....

Name of son or daughter

To ....

Groom or bride

Jewish date ....

English date ....

Performed by rabbi..

at the ....

Name of place and address

City ....State ....

MARRIAGES

....

Name of son or daughter

To ....

Groom or bride

Jewish date ....

English date ....

Performed by rabbi..

at the ....

Name of place and address

City ....State ....

....

Name of son or daughter

To ....

Groom or bride

Jewish date ....

English date ....

Performed by rabbi..

at the ....

Name of place and address

City ....State ....

....

Name of son or daughter

To ....

Groom or bride

Jewish date ....

English date ....

Performed by rabbi..

at the ....

Name of place and address

City ....State ....

CHILDREN'S BIRTHS

Jewish name .... Jewish date ....

English name .... English date ....

Jewish name .... Jewish date ....

English name .... English date ....

Jewish name .... Jewish date ....

English name .... English date ....

Jewish name .... Jewish date ....

English name .... English date ....

Jewish name .... Jewish date ....

English name .... English date ....

FAMILY RECORD

HUSBAND

Jewish name ....

English name ....

Born

....

Jewish date English date

Son of

Jewish name ....

English name ....

and

Jewish name ....

English name ....

WIFE

Jewish name ....

English name ....

Born

....

Jewish date English date

Daughter of

Jewish name ....

English name ....

and

Jewish name ....

English name ....

Married

Jewish date ....

English date ....

Performed by ....

at the ....

Name of place and address

City .... State..

In reward for your generosity, may the Almighty, the Father of all Orphans, bestow His Heavenly blessings upon you, and all your dear ones. Amen!

With hearty thanks, and best wishes, we remain,

Cordially yours,
General Israel Orphans' Home for Girls
Jerusalem, Palestine



NATIONAL EMERGENCY CAMPAIGN FOR THE GENERAL ISRAEL ORPHANS' HOME FOR GIRLS IN JERUSALEM

Brothers and Sisters!

The only Institution for orphan girls in Palestine, which has a record of 39 years of faithful service, is now coping with a most difficult financial situation.

With the added influx of GERMAN, AUSTRIAN, CZECHOSLOVAKIAN and POLISH refugee girls, who are being admitted daily, the drain on our resources is very heavy. This, in spite of the very alarming DECREASE IN OUR INCOME. This plea for YOUR AID is therefore no idle phraseology, but A FERVENT HOPE that you will be instrumental in HELPING US throw out the life-line to these unfortunates. WITH THE WAR IN EUROPE shutting off all income from that part of the world, and disturbances in Palestine cutting off the local income, YOU ARE OUR ONLY HOPE FOR CONTINUED EXISTENCE!

Dear friends of humanity, for a moment imagine the tragedy of one orphan, a small child who has been left homeless and destitute. Now multiply this child's situation by many hundreds of such tragedies. MANY HUNDREDS OF MOTHERLESS AND FATHERLESS LITTLE DAUGHTERS are confronting you. They are poor, heartbroken, and with no one to care for them. It is now that this worthy Institution comes to their rescue and saves them, becomes their Mother and Father, gives them the same loving care and devotion which is rightfully theirs. WILL YOU ALLOW THIS GREAT HAVEN OF REFUGE TO CLOSE ITS DOORS to these young unfortunate children? Shall we be compelled to send them away? Whereto? Will you not HELP to lighten the burden of these destitute little girls? WILL YOU NOT ANSWER THEIR CALL? Acquire this valuable book for yourself, family and friends.

THE RIGHTEOUS MAN AND THE JUST PATH

Beloved Friend:

If you are pleased with the book, favor me by a notification to this effect. Also, if possible, assist me in spreading the book; see to it that you and your friends acquire it. In this way, you would achieve four noble objects:

1) You would give me pleasure, courage, and strength to continue the work and complete for your own, and your friends' sake, the remaining parts of this treatise, entitled "The Righteous Man and the Just Path." It truly represents a treasure and source of Torah, wisdom, science, and general doctrine.

2) You would familiarize yourself with our pious and divine prophets as well as with the righteous Geonim, and savants of thousands of years; you will become acquainted and impressed with their noble and sincere thoughts and actions. You will study their enlightened teachings and come in intellectual contact with the movements among our people for thousands of years.

3) You will contribute to the propagation of the unmarred humanity of our Torah, and you will confirm in yourself.

"She is a tree of life to those that lay hold upon her; and happy is every one that retaineth her."

(Proverbs 3, 18)

4) You will furnish material help to the unfortunate orphans. As I have specified in my introduction, the proceeds of the first volume of this work will accrue to orphans. The Patron of orphans will bless you and your offspring to a long and happy life. Bear in mind that it is dependent on yourself whether this precious and useful tree of life should blossom forth enabling you and your entourage to enjoy its juicy fruit.

Your friend,

HYMAN J. BARRAS.

thus reflected on his reputation. Indeed, it did turn out that Kidor was a mountebank, as the appelation intimated.

R. Eleazar's statement quoted above, refers not to material wealth which is ephemeral and evanescent. Many a time wealth inflicts misfortune and gloom, as King Solomon states: "There is a grievous evil which I have seen under the sun, namely riches kept by the owner thereof to his hurt" (Ecclesiastes 5, 12). R. Eleazar uses the word "Wealth" metaphorically to symbolize science and wisdom, as king David maintains: "The law of thy mouth is better unto me than thousands of gold and silver." (Psalms 119, 72.)

In conclusion, I shall admit that our "Society for the study of Mishnah and Talmud" is not wealthy and its membership cannot compare with other organizations in financial contributions to the synagogue; but, in all sincerity, only the students of the law constitute the "intrinsic wealth" of the synagogue and bestow on it holiness and inherent beauty. Let the Lawgiver prolong their life span and grant them the opportunity to study the Law with joy. May the Angel of Peace soon arrive "and turn the heart of the fathers to their children, and the heart of the children to their fathers; and Jacob will be redeemed in tranquility."

"But they that wait for the Lord shall renew their strength; they shall mount up with wings as eagles; they shall run and not be weary; they shall walk and not faint."

"And salvation shall be visited on Zion in our immediate days, Amen."

R. Simeon's innovation. Said R. Meir to R. Nathan: "I am the Hacham and you are the Ab-beth-din, let us devise something in our behalf. How shall we proceed against him? Let us request him to discourse on the tractate Uktzim of which he is ignorant, and when stumped, we shall say unto him: 'Who can express the mighty acts of the Lord? Make his praise to be heard!' For whom is it becoming to express the 'mighty acts of the Lord?' Only for him who can 'make his praise to be heard.' (One who knows all the Talmud without any exceptions.) We shall then depose him, and I shall become Ab-beth-din and you the Nasi."

R. Jacob b. Korshai overheard them and said to himself, "God forbid, the matter may lead to the Nasi's disgrace." "So he went and sat behind R. Simeon's attic and expounded aloud the tractate of Uktzim repeatedly. Rabbi Simeon wondered, "What could this mean? Did anything, G-d forbid happen in the college?" He then concentrated and mastered the tractate of Uktzim.

On the following day they said to him, "Let the master discourse on Uktzim." He began and discoursed on it. After he was through, he said to them, "Had I not familiarized myself with it, you would have embarrassed me." He ordered, and they were removed from the college.

Thenceforth, they would write scholastic problems on slips of paper and toss them into the college. They furnished solutions to questions which the college could not solve. Said R. Jose, "The Torah is without and we are within!" Said R. Simeon b. Gamliel, "We shall readmit them under the penalty that no statement shall be reported in their name. R. Meir was designated as 'Others' and R. Nathan as 'Some say.'

Similarly Elisha b. Abuyah was designated "Aher" after he had sinned. In the light of this digression, R. Meir's inference as to the wickedness of Kidor was justifiable, since this cognomen was conferred by his townsmen and

hundred and thirty years. However, if you inquire my intrinsic life, my days are few relative to my forefathers who have surpassed me with their accomplishments." According to our sages in Kethuboth 111, the ignorant people can hardly be regarded as existing. This then is the meaning of righteousness as determined by birth. Noah received his name not at birth, but when he had perfected an invention of great utility to mankind (Noah implies alleviation). This is insinuated by Scipture — that departs from its usual formula in specifying names in the genealogical chain at birth and states: "And Lamech lived a hundred eighty and two years, and begot a son. And he called his name Noah" (Genesis 5, 28-29). This would tend to indicate that Noah received his name later in life rather than when he was begotten.

Analogously, we discover that in many cases a change of name was effected in accordance with life's developments. R. Meir's name was originally R. Nehorai, and it was changed because "he enlightened the savants in the law" (Erubin 13). Subsequently his name was changed again, as the Talmud relates: When R. Simeon would enter the people rose; likewise when either R. Meir or R. Nathan would enter, all the people rose for them also. Said R. Simeon B. Gamliel: 'Should there be no distinction between me and between them?' Accordingly he framed the rules laid down in the Yeshivahs. (When the Nasi, president of the Sanhedrin, enters, all the people rise and do not sit down until he commands them to do so. When the Ab-beth-din, chief justice, enters, one row rises on one side and another row on the other (and they stand up) until he has sat down in his place. When the Hacham (Sage) enters, every one whom he passes rises and sits down as soon as he has passed until the Sage has sat down in his place.)

R. Meir and R. Nathan were not present on that day. On the morrow, they came and observed that the people did not rise as usual. They wondered and were told of

clared (Mishnah Horayoth 13a) that an illegitimate child who develops into a scholar claims priority over an ignorant high priest.

A similar perplexity arises in connection with Yoma 83b: 'R. Meir, R. Judah, and R. Jose were on the road. . . . When referred to a hotel, they asked the owner, 'What is your name?' He replied, 'Kidor.' Said R. Meir, 'This proves that he is evil, for it is said: For they are a very forward generation (Deuteronomy 32, 20).

How could R. Meir condemn the hotelkeeper on the basis of an arbitrary name conferred by his father, whereas the individual is free to shape his own nature?

The tractate Sanhedrin, which we are now concluding with the aid of God, contains another cryptic statement: "R. Eleazar also said: 'Whoever has knowledge will eventually become wealthy."

(Sanhedrin 92a)

We should immediately counteract this with a Talmudical citation: "Life, children, and wealth depend on luck rather than merit."

(Moed Katan 28a)

Does not the Maharsha, blessed be his saintly memory, quote appropriately, "No bread to the wise, nor yet riches to men of understanding." (Ecclesiastes 9. 11.)

Now, venerable masters, I shall endeavor systematically to reconcile all contradictions raised. According to our Sages a man is called by three names: (One which his parents give him, one which others call him by, and one according to his deeds (Midrash Tanhuma Vayakel). The Talmud, according to my interpretation, intends not to convey that righteousness is determined at birth; but rather to intimate that only the righteous vindicate their nascency. Our existence is only rendered worthwhile by good deeds. The Malbim expounds on the verse, "How many are the days of the years of thy life?" (Genesis 47, 8)—thus did Jacob reply to Pharaoh: "If you query about my chronological age, it amounts to one

3) In this connection, the "Anaf Yosef" contends: Why should a person from his very birth initiate evil consequences? After all, God chastises for past and not future wickedness. Thus God assured Hagar: "Fear not, for God has heard the voice of the lad where he is." (Genesis 21, 17) Our sages interpret this to imply that a man is judged for the sins that he has already committed rather than for future transgressions. For the angels assailed Ishmael: "Sovereign of the Universe! This offspring whose descendants are predestined to exterminate your children with thirst, should he be given a well of water to quench his own thirst?"

God replied, "What is he now; wicked or righteous? Now he is righteous and I shall judge him accordingly." Consequently if God chastises not the wicked themselves for what they are destined to perpetrate, certainly the contemporary generation ought not to suffer the wrath which the wicked are instrumental in bringing.

The "Anaf Yosef" attempts to set this aright by attributing to the Talmud the idea that since the progenitors of the wicked are sinful, the sin of their descendants is innate. Hence, their very origin has "wrath" for a concomitant.

This might elicit the following point: Admittedly, the Torah affirms that God visits the iniquity of parents on their children (Exodus 34, 7), but our sages have qualified this (Berachoth 7) that it applies only to children following in the footsteps of their parents. In addition, we also find in Berachoth 7 that Moses has wondered: "Sovereign of the Universe! Wherefore is there a righteous man who fares well and wherefore a righteous man who fares ill?"

He replied, "Moses! A righteous man who fares well is the son of a righteous man; a righteous man who fares ill is the son of a wicked man." It is thus deducible that a righteous man may have a wicked father, apparently gainsaying the view of "Anaf Josef" expressed above. Pertaining to birth in sin, the Talmud has already de-

Maimonides, blessed be his saintly memory, asserts: "Let none entertain the erroneous notion upheld by the majority of fools among the Jews that the Holy One, blessed be He, determines the righteousness or wickedness of the individual at his very inception."

(Hilechoth Teshubah 5, 2)

Thus the prophet Jeremiah assures us in Lamentations 3, 38: "Out of the mouth of the Most High proceedeth not evil or good." Maimonides also comments that this idea of freedom of the will is the basis of prophetic utterance.

The question can now be stated explicitly: "How is freedom of the will compatible with the possible prognostication that the newly born babe will develop into a righteous man?"

Rashi comments that the birth of Noah was hailed by Lamech, because he was destined to invent agricultural implements. Now, wherefore does this commentator deviate from the Talmudical explanation of the reason that had attended Noah's nascency and that consisted in his potential righteousness? Again, according to Rashi, it seems premature that the parents should have prognosticated an inventor's career for Noah at his very birth.

Moses Mendelsohn in his commentary holds the view that Lamech conceivably had prophesied that his offspring was destined to restore life and save mankind, for which reason he named him Noah (relief).

This again evokes the question: How was such determinist prophecy compatible with freedom of the will?

A similar question, raised by the commentary designated as "Anaf Yosef" to the Ein Jaakob, bears on the following quotation at the end of Sanhedrin: "When the wicked enter the world, wrath enters therein, for it is written: 'When the wicked cometh, then cometh also contempt, and with ignominy reproach.' " (Proverbs 18,

Young man! If only possible, delve into the exalted prayers, and you will exult. I hope that "Words which emanate from the heart, penetrate the heart."
